№ 5 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. פרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

לאָדזער טאַגעבלאַט

22-סטער יאהרגאנג | 6 stycznia 1929 r | זונטאג, כ"ד טבת תרפ"ט | רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 16. טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57, פון אדמיניסטראציע 47

יונה פירולקעס

טעגליך 8.20 אוו.

בעריהמטע פיעסע אין 5 אקטען פון ג. זאפאלסקא, וואס געהט מיט א אויסערגעוועהנליכען ערפאלג. געשפילט ביז-איצט 16 מאל א. ג.

(דער המשך פון "מלכה שווארצענקאפ"), לידער און קאמפאזיציעס פון דוד ביינגלמאן, טענץ אויפ'ן פורים-באל צוזאמענגעשטעלט פון ש. דזשינאן, דעקאראציעס לויט'ן פראיעקט פון שמואל בלום. געוועהנליכע פרייזען: פון 50 גראשען ביז 3 זל. ערמעסיגטע: פון 40 גראשען ביז 2 זל. די נידעריגסטע: פון 3·י גראשען ביז 1 זל.

TEATR **Popularny** Ogrodowa 18.

די קאסע איז אפען טעגליך פון 10 פריה ביז 9 אווענד.

אונזער געעהרטען וויצע-פרעזעס ה' ב. א. גליקסמאן צוליב'ן טויט פון זיין שוועסטער

נ"ע הענלעניא בוקעט

דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

די פערוואלטונג פון "ביקור-חולים" און קאמיטעט פון "וזד"י ויחקאל".

קרן קימת לישראל לאדז | זאל פילהארמאניע נארוטאוויטשא 20

היינט, זונטאג, דעם 6/1 8 נאכמ. קומט פאר צוליב דער ערעפנונג פון דער הויז-קאנפערענץ פון ק"ק קימת

א פייערליכע אקאדעמיע

מיט דער בעטייליגונג פון די מיטגלידער פון דער א"י-דעלעגאציע דעם בעקאנטען העבר. דיכטער ה' נתן ביסטריצקי, מיטג. פון ציוג. אקצ.-קאמיטעט ה' א. הארצפעלד הרב דוב רוק פון עפולה און ה' אזרחי

בילעטען צו בעקומען פון 10 א זייגער ביי דער קאסע פון "פילהארמאניע".

Dr. med. A. Askenazy

ספעציאליסט פון בירורגישע און פרויען-קראנק. זאנענהאפן (גדאנסקא 26) טעל. 22-36.

נעמט אן פון 10—8 פריה און פון 5—7 נאכמ.

אנאנסירט נאר אין „לאדזער טאגעבלאט"

אונזער געוועזענעם לאנג-יעהריגען חשוב'ען פרעזעס

בעריש און פרוי רודע גרינבערג

צוליב דער פייערונג פון זייער

זילבערנער חתונה

ווינשען מיר זיי אין נחת און פריידען צו דערלעבען די גאלדענע האכצייט.

די פערוואלטונג און מיטגלידער פון יודישען פליישער-פעראיין פיעטריקאווער 24.

אונזער חשוב'ן גבאי ה'

בעריש גרינבערג און פרוי

צו דער פייערונג פון זייער זילבערנער האכצייט

ווינשען די מתפללים און די גבאים צו דערלעבען אין פיל נחת די גאלדענע חתונה

די גבאים פון דעם חברה "אהבת רעים" פיעטריקאווער 34

דוד שווארץ
מאיר גריכטינגער
מאיר זשולטאווסקי

פלעגט די פיס

PEDICURE

S. Łódzki

Traugutta 5 (Krótka) m. 10, tel. 70-37

נעמט אן פון 11—2 און פון 4—7 אב. געוועזענער אסיסטענט ביי מיסטער על... (הינעד-אויגען-אנשטאלט אין לאנדאן). ספעציאליסט צו בעזייטיגען הינער-אויגען און הארנהויט ווי ארייגעוואקסענע נעגעל אהנע שמערצען

צו פערקויפען א נייע ווילע

העלכער שטעהט אין א זעהר שעהנעם און גוט-געפלעגטען 20-יעהריגען פרוכט-גארטען (2 פראנטען. מאסיוו און לוקסוסיוו געצוימט).

בעשטעהענד: פון 10 זומער-וואוינונגען, א ספעציעלע גרויסע פראליע, פראנט-געוועלב מיט צימער אין א זעלטען טרוקענער געגענד.

זומער-וואוינונג טעאפיל אוו, אלעקסאנדער-שאסע סטאציע קוואסט, 5 מינוט פון דער טראמוואי-סטאציע.

פריוואטע טאנץ שולע

פון די טענץ ביימטע

דיפל. לעהרער י. וויינטרויב

נעמט אן איינשרייבונגען אויף איינצעלנע לעקציעס ווי אויך אין קאמפלעטען יעדען טאג פון 10 פריה ביז 10 אוו

44 קילינסקיעגא 44

2-טער הויף פארטער

די לעקציעס קומען פאר אונטער דער פערזענליכער לייטונג פון י. וויינטרויב

בעמ. אסיסטענט — רוטינירטער טענצער זשאן-קינג.

צו דער חתונה פון מיין ליבער טאכטער און אונזער שוועסטער

שרה

מיט ה' אביגדור שווארץ

ווינשען פיל גליק און אייביגע צופרידענהייט

מוטער און שוועסטער אבבע.

צוקערניע „עספאנאדא"

פעטריקאווער 100 — טעל. 11-92

עמפפעהלט פון איינענער בעקעריי טשאסטעס, טארטען, לארעס, קרעם און אלערליי אויסארבייטונגען פון צוקער-בעקעקס. ספעציאליטעט

אנאנאסען-פאנטשקעס

בעשטעלונגען ווערען אנגענומען מיט'ן אפשטעלען א היים.

Dr. med. **J. LUBICZ**

ORTOPEDA

גדאנסקא 28, טעל. 41-46

ספעציאליסט פון ביינער און געלענק-קראנקהייטען

:—: פערקרימונגען פון פלייצעס און גלידער. :—:

אייגענע פראצאוניע

פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען: ווי וואקלדיקע גענען פלאטפוס, קינסטליכע פיס, ארטאפעדישע גארסעטען א. ז. וו. נעמט אן פון 5—7

אונזער ג' פערוואלטונגס-מיטגליד ה' ברוך שלאדקאווסקי צוליב'ן טויט פון זיין אונפערגעסליכער מוטער

נ"ע קיילע

דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

דער ראט און די פערוואלטונג פון קליינהענדלער-באנק, אגראדאווא 2

קאפע-רעסטאראן „CENTRAL" פיעטריקאווער 48 טעל. 62-11

פון 1 יאנואר 1929 יעדען טאג ארטיסטישער פראגראם מיט'ן אנטייל פון:

Katia Zielinska (געזאנג) | Trawinska (טענץ) | Duo Janaszek (הומאר, סאטירע, מוזיק)

יעדען שבת, זונטאג און חגאות פון 5—7 Fivé o clock tea מיט'ן אנטייל פון גאנצען אנסאמבל

ארקעסטער אונטער דער דירעקציע פון ליבלינג פון לאדזער פובליקום ה' ש. שימקעוויטש.

Dr. med. A. Mazur

ספעציעל-ארצט פאר אויערן, נאז און האלז-קראנק ווי אויך שטום אין שפראך-פעהלער

האט זיך איבערגעצויגען אויף

הסכאדניא 65

איינגאנג אויך דורך פיעטריק. 46) טעל. 66-01

אונזער געעהרטען שעף ה'

בועז גלאבוס

צוליב'ן טויט פון זיין פאטער

נ"ע משה-נתן

דריקען מיר אויס דעם אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל

דאס פערסאנאל פון דער פירמע ב. גלאבוס פיעטריקאווער 37.

Dr. med Adam BENDER

Przejazd 30, Telef. 54-68.

ספעצ. פאר אינערליכע און הארץ-קראנקהייטען

נעמט אן פון 5—7 נאכמיטאג. 8920

בעקאנטמאכונג

דער איבעראל בעוואוסטער

פענסיאנאט חיים ווידערשאל, אטוואצק

האט זיך איבערגעטראגען אין קרולעווסקא 6, אויף „פאלאצאווע" ווילע „עהרליכסטער" אין א מאדערן נייע איינגעריכטעטע ווילע, מיט גרויסע זוניגע צימערן, קאנאליזאציע, קאלט-וואַרים וואסער אין יעדען צימער, גרויסע ווערענדעס, זאנען-טאראסען, עלעקטריק, באדע-צימערן און ד. גל. בעזונדערס עמפפעהלען מיר א ספעציעל שטרענגע דיעטישע-קיך פאר צוקער און מאגען-קראנקע.

אנטי-יודישע אונרוהען אויף פאמאזשע
כוליגאנעס דעמאלירען די יודישע געשעפטען אין ווענגראוויעץ

דאנציג, 5 יאנואר (יט"א) פון פאמערן מעלדעט מען מיט, אז אין שטעטעל ווענגראוויעץ זענען פארגעקומען אנטי-יודישע אונרוהען. די יודישע געשעפטען זענען דעמאלירט געווארען. קיינער פון די אנפאלער איז נישט ארעסטירט געווארען.

אויסלאנד וועגען די סאוויעטישע נאטע צו פוילען.
ליטא אננענומען דעם פארשלאג פון די סאוויעטען.— משעכאסלאוואקיע און יוגאסלאוויע האבען אויך דערהאלטען א סאוויעטישע נאטע.

בערלין (ספ.) די גאנצע היגע פרעסע האט געווידמעט פיל ארטיקלען די בעדייטונג פון רוסלאנד'ס נאטע צו פוילען. דער „בערלינער טאגעבלאט", ווייס צו דערצעהלען, אז רומעניען וואלט מסכים זיין אונטערצושרייבען מיט דער סאוויעטען-מאכט, אויב ס'וועט זיך ארויסווייזען, אז די סאוויעטען-רעגירונג האט באמת ברעה אנצוערקענען דעם קעלאג-פאקט צו איהרע בעציהונגען מיט די מזרח-אייראפעאישע מלוכות.

די „טאגעס-צייטונג" אינפארמירט, אז די פראנצויזישע רעגירונג זאל האבען געגעבען אנצוהערען ווארשא, אז זי ווינשט זיך נישט, דאס פוילען זאל אונטערשרייבען דעם פארגעלעגטען פאקט מיט די סאוויעטען, ווייטער דערצעהלט די צייטונג, אז אין די נאהענטסטע טעג וועט קומען קיין ווארשא דער פראנצויזישער גענעראל לע ראנדא, וועלכער וועט זיך בעטייליגען אין די בעראטונגען צווישען מיניסטער זאלעסקי און דעם רומענישען אויסערן-מיניסטער מינארעסקו.

די פראנצויזישע פרעסע בעציהט זיך גאנץ קרומיש צו רוסלאנד'ס נאטע, וועלכע ווערט בעצייכענט אלס פאליטישער מאנעוור.

דער „גלאס פראוודי" ווידמעט די רוסישע נאטע דאס לייט-ארטיקעל פון זיין נעכטיגער אויסגאבע.

קריטיקירענדיג די גאנצע „שלום-דע־מאגאגיע" פון ליטווינאוו'ן, וועלכער איז אויסען הויפטזעכליך פרי צו שאפען דעם איינדרוק, אז די סאוויעטען-מאכט שטרעבט באמת צום שלום, פוהרט דער מחבר אויס, אז דער בעסטער וועג צו פערזיכערען דעם שלום אין מזרח-אייראפא איז צו שליסען א נישט-אגרעסיע-פאקט. אזא פארשלאג האט שוין רוסלאנד געהאט געמאכט מיט צוויי יאהר צוריק, אבער דער פאקט איז נישט צושטאנד געקומען צוליב דעם, וואס רוסלאנד האט נישט מסכים געווען אויף אנ'ארביטראזש. אויב די סאוויעטען האבען איצט געענדערט אין דער פראגע זייער מיינונג, ד. ה. זיי זענען שוין מסכים אויף אנ'ארביטראזש, וואס זאל אויסגלייכען די סכסוכים, דאן איז דאס אננעמבארער און פראקטישער, ווי דאס בעשטעטיגען דעם קעלאג-פאקט".

און קאוונא דאגעגען האט מען די ידיעה וועגען רוסלאנד'ס נאטע אויפגענומען מיט שמחה, און די ליטווישע רעגירונג וועט זיכער אונטערשרייבען דעם אפמאך. ליטא זאל אויך אונטערנעמען די אונטערהאנדלונגען צו פועל'ן ביי די באלטישע מלוכות, אז זיי זאלען שליסען אזא ענליכען אפמאך.

לאנדאן (א.וו.) פון מאסקווא מעלדעט מען, אז די סאוויעטען האבען אויך פארגעלעגט די רעגירונגען פון טשעכאסלאוואקיע און יוגאסלאוויע צו שליסען א בעזונדערן נישט-אגרעסיע-פאקט.

שווערער אורטייל אויפ'ן יודישען סטודענט אין אינסברוק
האט געברענגט צו דער דעמיסיע פון פראקוראר און אויספארשונגס-ריכטער.

וויען, 5 יאנואר (יט"א) א שטארקע סענסאציע אין די געזעלשאפטליכע קרייזען האט ארויסגערופען די ידיעה, אז דער אויספארשונגס-ריכטער און דער פראקוראר פון אינסברוק זענען בעזייטיגט געווארען פון זייערע אמטען. די דימיסיע פון די צוויי בעאמטע פון יוסטיץ-מיניסטעריום ווערט קאמענטירט אויף פערשידענע אופנים.

די וויענער פרעסע מיינט, אז די דימיסיע פון די צוויי בעאמטע שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט'ן פראצעס פון יודישען סטודענט האלסמאן. לויט די וועלכע קוועלען זאל דאס יוסטיץ-מיניסטעריום זיין אונצופרידען פון אויסגאנג פון האלסמאן-פראצעס. עס ווערט דערביי פארגעזעהן, אין צוזאמענהאנג מיט דער דערמאנטער דימיסיע, א נייע פערהאנדלונג לטובת דעם פערורטיילטען האלסמאן.

אראבער בעפאלען יוד. קאלאניסטען און זיי פערטריבען פון פעלד
פאליציי ארעסטירט איינינע אראבער.

ירושלים, 5 יאנואר (יט"א) און דער קאלאניע חדרה זענען איינינע יודישע קאלאניסטען וועלכע האבען אנגעהויבען זייערע ארבייטען אין פעלד, בעפאלען געווארען פון א צאהלרייכער גרופע אראבער, וועלכע האבען זיי פערטריבען פון פעלד. די אנפאלער האבען איינגעבראכען די פלוגען און פערוויסט די גרעניץ-צייכענס פון די פעלדער, טענה'נדיג, אז דער בארען געהער צו זיי.

די פאליציי האט אונטערזוכט און ארעסטירט איינינע אראבער.

די אנפאלער שטעהן אונטער דער השפעה פון עקסטרעמען נאציאנאליסטען, וועלכע האבען בעזוכט לעצטענס די דארטיגע אראבער און זיי אויפגעהעצט קעגען יודען. דערזעלבער אגיטאטאר איז אויך פערמישט אין יודיש-אראבישען צוזאמענשטויס ביי טבריה.

ענגלישער קעניג ארויס פון געפאהר
ער פאהרט אויף ערהאלונג קיין איטאליע.

לאנדאן (ספ.) דער לעצטער ביולעטין וועגען געזונד-צושטאנד פון קעניג הויבט זיך אן מיט פאלגענדע ווערטער: „דער קעניג ווערט צוריק איבערגעגעבען צו זיין פאלק".

גלייכצייטיג גיט דער ביולעטין אן, אז דער קעניג איז מעהר נישט קראנק אויף א לונגען-ענטצינדונג, נאר אויף א בלוט-פערגיפטונג, וועלכע איז לאקאליזירט געווארען.

פאריז (אטע) „משוסאנא פרי פון" מעלדעט, אז דער ענגלישער און גערוויזיטער איז אנגעקומען קיין ניצע, וואו ער בריוט פאר די אפארטאמענטען פאר'ן ענגלישען קעניג, וועלכער וועט דארט אריינפאהרען אויף קוראציע.

250 יודישע סטודענטען אין ירושלים'ער אוניווערזיטעט.

ירושלים, 5 יאנואר (יט"א) אין העברעאישען אוניווערזיטעט זענען פארגעקומען די אימאטריקולאציע-פייערונגען פון די נייע סטודענטען. ביי דער געלעגענהייט האט דער רעקטאר פון אוניווערזיטעט ד"ר מאגנעס מיטגעטיילט, אז אין אוניווערזיטעט זענען פערצייכענט 250 סטודענטען.

א פרוי אומגעקומען אין די פלאמען
שרעקליכע שרפה אין קאליש.

קאליש (טעלעפאניש) פריטאג צונאכטס האט דא אויסגעבראכען א גרויסע שרפה אויף פיסקארושעווע 19 בעת די לאקאטארען האבען זיך אויפגעכאפט פון שלאף, האבען די פלאמען שוין געהאט ארומגענומען דאס גאנצע הויז. עטליכע לאקאטארען זענען פון די ערשטע ארויסגעשפרונגען אויפ'ן ברוק, בעקומענדיג שווערע וואונדען. דאס פערמעגען איז נישט געלונגען אפצוראטעווען. און פערלויף פון א שעה צייט איז דאס הויז פערברענט געווארען אין קויהל. ערשט דאן האט מען זיך ארומגעזעהן, אז עס איז אומגעקומען אין די פלאמען די 45-יעהריגע לוריא צולקאבנא.

א שרפה אין לוטאמירסק

לוטאמירסק (טעלעפאניש) פריטאג צונאכטס האט דא אויסגעבראכען א שרפה אין פאמשקאווסקי'ס הויז. א דאנק די ענערגישע הילפע פון די היגע און פרעמדע פייערלעשער איז געלונגען צו פערהיטען פון פייער די שכנות'דיגע בנינים. פאמשקאווסקי'ס הויז איז אוועק מיט'ן רויך.

אוועקגעקומען א יוד

דער היגער איינוואוינער יוסף דאנציגער 51 יאהר אלט פון ספאצערנא 3 האט דעם פארגאנגענעם דונערשטאג אוועקגעפאהרען מיט זיינע קרובים אויף נאוואמיעסקא 17 און ארום 11 אזייגער איז ער אהיימגעגאנגען. פון דעמאלט אן ווייסט מען נישט וואו ער איז אהינגעקומען.

די וואס ווייסען פון איהם עפעס גענויערס ווערען געבעטען צו מעלדען נאוואמיעסקא 17.

יודיש טעאטער אין זאל פילהארמאניע — נארוטאוויטש 20 —
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן און א. קאמפאניעץ
מיט'ן אנטייל פון די ליבלינגס-ארטיסטען **באריסאווא, ראבינאוויטש**
און די בעקאנטע פרימאדאנא **נאדיא קארעני**
היינט זונטאג, — ווערט נישט געשפילט.
מארגען מאנטאג 9 אוו. גרויסע פאפולערע פרייזען. פון 1 ביז 2.50
די פערשעמטע כלה
אין 4 אקטען מיט 20 נומערן געזאנג און טענץ פון סיגעל.
דינסטאג 9 אוונט צו ביליגע פרייזען פון 1—2.50 צום 23 מאל
חלומות פון ליבע
אפערעטע אין 3 אקטען מיט 25 נומערן געזאנג פון ליליען.
די פיעסען זענען רעזשיסירט פון ל. ראבינאוויטש.
אין אלע פיעסען נעמען אנטייל לויט א. ב. פרויען: בעזמאן, באריסאווא, מאכאראווסקא, נערה, פאדערמאן, קאמפאניעץ. מענער: אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראנסקי, מאסקאוו, נייהויז, פאלאנסקי, ישראל קאמפאניעץ, ראבינאוויטש, ראקאוו.
אדמיניסטר.—מ. ארנוואלד. מוזיקאלישע לייט.: ל. זעלמאן.
בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון טעאטער פילהארמאניע.
אנאנס!! אין פארבערייטונג אנאנס!!
דער גאלדענער סאלדאט, צוריק צו מיין פאלק
אין די מלחמה פאר גאט

כרוז היימת לישראל לאדז.
היינט, זונטאג, ד. 6. יאנואר 8 אוונט אין דער שול „באר מרים", (נאווא-זארזשעווסקא 13) וועט דער מיטגליד פון דער ארץ-ישראל-דעלעגאציע
הרב דוב כהן — פון — עפולה
האלטען א רעדע איבער דעם אויפבוי פון ארץ-ישראל.

אזהרה גדולה!
אין צוזאמענהאנג מיט די עקספעסיע פון שטיבעל פאלודניאווא 25, מאכען מיר בעקאנט די עפענטליכקייט, דאס דער פסק-דין פון הראבינאט דפה שליט"א לויטעט דאס די ראדאמסקער חסידים קומט 40% פון לאקאל און אזוי ווי דאס לאקאל האלט איצט ביים פערדינגען ווערען, ווארענען מיר באיסור דרבנן הרגל דאס עס זאל זיך נישט עמיצער דערוויגען צו דינגען דאס לאקאל אהנע פערשטענדיגונג מיט די ראדאמסקער חסידים. גלייכצייטיג ערקלערען מיר, דאס כדי צו פערמיידען חרטה און עגמת נפש זאל דער דינגער נישט איבערגעבען דאס געלד די שותפים נאך לויט דעם פערשטענדיגונג פון ביידע צדדים.
די ראדאמסקער חסידים
פ. ס.: צו פערשטענדיגען זיך מיט ה' אברהם פנחס ראבינאוויטש, קאנסטאנטינער 3.

ד"ר ל. פאלק
נאווראט 7, טעל. 29-07
ספעציאליסט פאר הויט- און געשלעכטס-קראנקהייטען
נעמט אן פון 10—12 און פון 5—7 נאכמ.
4521

Dr. Niewiażski
האט זיך איבערגעצויגען
אויף אלעדזשעיא 5, טעל. 59-40
נעמט אן פון 8—10 פריה און פון 5—9 אוונט.
ספעציאל-ארצט פאר סיפיליס, טריפער און מענער-שוואכע בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
פאר דאמען ספעציעלער ווארטע-זאל.

Dr. med. M. Heller
ספעציאליסט פאר הויט- און ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע
נ. ווראט 2, טעל. 79-69
נעמט אן ביז 10 פריה, און פון 4—8 אוונט
פאר פרויען פון 4—5 נאכם.
פאר אינבעמיטעלטע לעטשניצע פרייזען

דער פאליטישער מארד אין פיעטרקאוו
פ. פ. ס. מאכט מאראליש פעראנטווארטליך די גאנצע ב. ב. ס. איז מארד.
נעכטען איז פארגעקומען די לויה פון ערמארדעטען

דער מארד, וואס איז אויסגעפוהרט געווארען דורך דעם מיטגליד פון פפ"ס קאדזשינסקי אויפ'ן מאגיסטראט-בעאמטען און פעטריקאווער מעצאפיל יאשקאווסקי, וועלכער איז געווען גלייכצייטיג אנפיהרער פון די פפ"ס'ישע טעטער אין פיעטרקאווער ראיאן, פארזיצענדער פון דער „מור" געזעלשאפט, סעקרעטאר פון בעפעסישע ראיאן-קאמיטעט און איבעראל איז ער געווען בעליבט און געאכטעט, האט ארויסגערופען א שטורם אין דער פוילישער פרעסע, בעזונדערס אין „ראבאטניק", וואו עס ווערט געווידמעט דעם מארד א גאנצע זייט.

אונטער'ן קעפעל „פערברעכען" שרייבט דער פיהרער פון די פיעטרקאווער פפ"ס, ד"ר פרוכניק: „א יונג לעבען, מיט א הייסער ליבע צו דער סאציאליסטישער אידעע איז געפאלען א קרבן פון א וואהנזיניגען מאט". אבער דא בעווייזט דער מחבר, אז אייגענטליך איז נישט קאדזשינסקי דער אמת'ער שולדיגער, נאר די אטמאספער, וואס האט צוגעגרייטעט דעם באדען, דאס איז די שולד פון דעם „פשעדשווים", וועלכער האט מאנ-איין מאנ-אויס געווייזט שנאה און האט געגעבען פפ"ס, ד"ר פרוכניק פערגלייכט קאדזשינסקי'ן צו ניעוויאדאמסקי'ן, וואס האט ערמארדעט דעם ערשטען פוילישען מלוכה-פרעזידענט. „ניעוויאדאמסקי איז ערצויגען געווארען פון סמאראנסקי'ס ארטיקלען, קאדזשינסקי פון די ארטיקלען אין „פשעדשווים".

זיין שארף ארטיקעל פערענדיגט אזוי ד"ר פרוכניק:

„איהר (די ב.ב.ס.), האט איינגעפיהרט אין ארבייטער-לעבען מעטאדען, וועלכע פערשפרייטען אויסראטונג. איהר האט געשאפען דעם מאראלישען באדען פאר'ן מארד. דאס דאזיגע יונגע, טייערע בלוט, וואס איז פערגאסען געווארען דורך איינעם, וואס האט זיך איבערגענומען מיט אייערע שקרים, וועט איהר נישט אפוואשען פון אייערע הענד".

דערביי גיט אויך דער „ראבאטניק" איינינע פרטים פון קאדזשינסקי'ס פארמיטאגישע טעטיגקייט אין די לעצטע חדשים, ווי ער האט געארבייט אקטיוו אין דער נייע-ענטשטאנענער פפ"ס-גרופע וואס בעווייזט, אז די ערקלערונגען פון „פשעדשווים" אז דער מערדער האט נישט געהערט צו זייער פארטיי, זענען פאלש. פונקט אזוי ווייזט זיך ארויס פאר נישט ריכטיג די בעהויפטונג, אז קאדזשינסקי איז בעגאנגען זיין טאט אויס ריין-פערזענליכע מאטיוון, ד. ה. צוליב גוים. עס שטעלט זיך בעסער ארויס, אז דער מערדער האט בעקומען א פענסיע פון 443 זל. א חודש און א חוץ דעם איז ער געווען א שותף צו א הויז.

אויך די „גאזעטא ווארשאווסקא" שטעלט פעסט, אז דער מארד איז געשעהן אויסשלוסליך אויפ'ן פאליטישען באדען, און דערביי ווייסט די צייטונג צו דערצעהלען, אז בעת דער אויספארשונג זאל דער מערדער האבען ערקלערט, אז דעם מארד, האט ער אויסגעפוהרט, ווייל „דאס איז די טראדיציע פון דער רעוואלוציאנערער פראקציע פון פפ"ס. די סאנאציע ארגאנען ברענגען קורצע נאטיצען וועגען מארד, אבער זיי בעצייכענען עס אלס א פאליטישען מארד.

* * *

נעכטען איז פארגעקומען די לויה פון ערמארדעטען.

דער מערדער קאדזשינסקי, וועלכער געפינט זיך אין תפיסה-שפיטאל, פילט זיך גלייכגילטיג און רוהיג. די ווייטערע אויספארשונג וועט זיכער אויפקלערען דעם סענסאציאנעלען מארד.

* * *

(:) קאדזשינסקי לייקענט קאטעגאריש, אז ער זאל האבען זיין טאט אויסגעפירט אין פערשטענדיגונג מיט אנדערע. ער האט צום ערמארדעטען געפיהלט א שנאה, וואס איז געקומען פון פאליטישע חלוקי דעות. מיט א וואך צוריק איז צווישען יאשקאווסקי'ן און קאדזשינסקי'ן געקומען צו א שארפען ווערטער-אויסטויש אויף א מיטינג פון די ארבייטער פון עלעקטרישען געבוי.

קאדזשינסקי האט זיינע ערקלערונגען אפגעגעבען אויף זעהר א כאאטישען אופן, ער איז זיך סותר און די רייד און פלאנטערט מיט דער צונג.

נאך דער אויספארשונג וואס האט געדויערט 2 שעה איז קאדזשינסקי אפגעפוהרט געווארען אין תפיסה, ער געפינט זיך אין תפיסה-שפיטאל צוליב די וואונדען, וואס ער האט בעקומען ביים ארא־פשפרינגען פון ערשטען שטאק.

לאָדזער טאַגעבלאַט

ד״ר רעדאַקטאָר נעמט-אָן פון 6 ביז 7 אין אָוונט.
נישט בעשטעלטע מאַנוסקריפּטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

רעד.: „Lodzer Tageblatt", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16

טעלעפאָנען: פון רעדאַקציע 57. אַדמיניסטראַציע 47.

[illegible]
... דער רעוויזיע פון אומזאַץ-שטייער?

ווען מען קוקט זיך צו נעענטער צום שטייער-באַריכט פאַר'ן ערשטען האַלבען בודזשעט-יאַהר, דערוועקט זיך א מאָדנער געפיהל.

צוויי און א האַלב יאָהר ווערט בסדר אנגעוויזען, אַז דער אומזאַץ-שטייער איז בכלל נישט צוגעפּאַסט צו אונזערע ווירטשאַפטליכע פערהעלטנישען, אַז ער איז נישט בלויז נישט יושר'דיג, ווירקט נישט מיט, צו שטאַרקען און צו רעגולירען די [illegible] טרשיינונגען אין דער אינדוסטריע און האַנדעל, נאָר פערקעהרט — ער ברעכט דער ווירטשאַפט א דירעקטען שאַדען, ער פרעסט אויף דעם רוח מיט'ן קרן צוזאַמען, דעמאָראַליזירט דעם שטייער-צאָהלער, ענטוויקלט די נישט-ערליכע קאָנקורענץ.

די בעציהונג פון פינאַנץ-מיניסטעריום האָט זיך אָבער מיט גאָרנישט געענדערט, עס ווערט אַלץ מעהר בולט, אַז היי-יאָהר וועלען די שטייערן זיין שאַרפער [illegible] ביילייגט אין די אַלגעמיינע מלוכה-הכנסות, ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען. די דירעקטע שטייערן (אָהן דעם פּערמיסיע-שטייער אין 10 פּראָצענטיגען צוגאַ[illegible]) אין פערגלייך מיט'ן יאָהר 1927 אריינגעבראַכט מיט 37 % מעהר, האָבען [illegible] די בודזשעט-פּאָזיציע מיט 26 פּראָצענט. אין דער צייט, וואָס [illegible] 1927 איז די [illegible] געוואָרען איבערגעשריטען נאָר מיט 18 [illegible].

[illegible] איז נוגע דעם אומזאַץ-שטייער, ווערט די לאַגע פשוט אומגעלומפּערט, [illegible] דעם גאַנצען קאַמף, פון די סיבה הבטחת און פון דער לאַנג-[illegible] [illegible] דעם פּראָגראַם האָט זיך איצט ארויסגעוויזען, אַז מיר האַלטען נאָך אַלס ביים אַלטען.

[illegible] איצט אין דער ערשטער האַלפט פון בודזשעט-יאָהר, ווען די הכנסות [illegible] מיר קלענער, ווי אין דער צווייטער האַלפט, איז איינגעפלאָסען 175 מיליאָן [illegible] 50 מיליאָן מעהר ווי אין 1927, און מיט צוויי דריטעל הזכר, ווי עס [illegible] געווען באַשטימט. די איינקינפט פון דעם שטייער ווערט וואָס אַמאָל [illegible] פאַר די מלוכה-הכנסות בכלל פון איין זייט, און פאַר די שטייערן-איינ[illegible] פון דער צווייטער. אין 1926/7 האָט דער אומזאַץ שטייער באַטראָפען נאָר [illegible] פון אַלע דירעקטע שטייערן אָבער דעמאָלט איז געווען א צייט פון [illegible] ווירטשאַפטליכען אויפשטייג און די מלוכה האָט זיך שטאַרק גענויטיגט אין [illegible], אין 1927/8 האָט דער דאָזיגער שטייער באַטראָפען 45,8 % (דאָס איז געווען א צייט פון גוטער ווירטשאַפטליכער קאָניונקטור). אין לעצטען יאָהר, א יאָהר [illegible] דעפּרעסיע, האָט דער אומזאַץ-שטייער איבערגעשטיגען די [illegible] פון אַלע דירעקטע שטייערן (51% פּראָצענט).

אמת, אין די יאָהרען 1924—25 האָט דער אומזאַץ-שטייער בעטראָפען 59 [illegible] און 52 פּראָצ., אָבער דעמאָלט איז דער הכנסה-שטייער געווען 4—3 מאָל [illegible] ווי איצט.

[illegible] מצב, ווען דער אומזאַץ שטייער „פּראָגרעסירט" אַזוי שטאַרק און פער-[illegible] א מעהר חשיבות'דיג פּלאַץ צווישען אַלע אַנדערע הכנסות, שליסט פשוט [illegible] געדאַנק, אַז די רעגירונג זאָל באמת טראַכטען וועגען רעדוצירען איהם, [illegible]-רעפאָרמירען.

[illegible] דער לעצטער סיים-סעסיע האָט זיך דער ברייטער עולם דערוואוסט, אַז [illegible] האָט גאָר רעכט צו רעדוצירען דעם אומזאַץ-שטייער פאַר'ן [illegible] האַנדעל. פּאַקטיש האָט דער מיניסטער איבערגעהויפּט די שטייער-אַמטען אנגע-[illegible] זיין ריכט נאָר אין גרעצעהלטע פאַלען. זעלטען האָט מען אנערקענט די [illegible] פאַר'ן גאַנצען שטייער. מעהרסטענטייל האָט מען ערטיילט א הלפט לויט א [illegible], די צווישען הלפט דאַגעגען, לויט דער פּילער „סטאַוקע", אָדער בלויז [illegible] לויט א הנחה. אויך די הנחות זענען געוואָרען אין דעם פאָרם [illegible] „ליטשקעס". דאָס הייסט, ביז די שטייער-מאַכט וועט נישט אנערקענען, אַז [illegible] שטייער-צאָהלער איינגעמאַהנט דעם גאַנצען חוב, קאָן ער ביי אַזאַ [illegible] אנמאַהנען דיס רעכט ביז צו דער פּילער „סטאַווקע". אין דאָזיגען יאָהר [illegible] די שטייער-אַמטען נישט אנגענומען אפילו אַזעלכע „זאַליטשקעס", און זיי [illegible] בכלל נישט אויסגענוצט זייער רעכט צו פערקלענערן די „סטאַווקעס".

דאָס אַלץ בעווייזט בולט אַז די מאַכט שטרעבט צו מאַכען פון דעם אומזאַץ-[illegible] דעם וויכטיגסטען קוואַל פון די מלוכה-איינקינפטען.

[illegible] וועט, אַלזאָ, ווערען פון דעם גאַנצען הו-האַ ארום דער רעוויזיע פון אומזאַץ שטייער?

מאַג. ש. בונין.

געשטאָרבען א פּיאָנער פון דער [illegible]'דיגער אינדוסטריע.

[ירו]שלים (יט"א) דאָ איז גע-[שטאָרבען] אין עלטער פון 45 יאָהר איי[נער פון] די פּיאָנערען פון דער אינדוס[טריע] אין ארץ ישראל ד"ר משה יעווניז. [illegible] שטאַמט פון דייטשלאַנד [און ה]אָט אין ארץ ישראל געגרינדעט א רייהע אונטערנעמונגען, הויפּטזעכליך אין דער כעמישער אינדוסטריע און האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע קאָרעקטע בעציהונגען צו די אַרבייטער.

בעסער בעדינען די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען!

[מאָ]סקווא (יט"א) דער „סאָוונאַר-[קאָם]" האָט בעשלאָסען צו שאַפען א בע-[זונדער]ע ביוראָ ביים קאָמיסאַריאַט פון [illegible], כדי בעסער צו בעדינען [די נא]ציאָנאַלע מינדערהייטען. א חוץ [דעם] האָט דער „סאָוונאַרקאָם" געגעבען [illegible] די קאָמיסאַריאַטען פון האַנדעל, אַרבייט, פינאַנסען, יוסטיץ און פערקעהר צו דעלעגירען ספּעציעל אויף בעדינען די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען צו איין מיטגליד פון דער קאָלעגיע, וועלכער וועט זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר דער אַרבייט אין קאָמיסאַריאַט.

דער פייערליכער קבלת-פנים פאַר'ן בירגערמייסטער פון תל-אביב ה' דוד בלאָך אין ניו-יאָרק.

דער ניו-יאָרקער בירגערמייסטער בעגריסט האַרציג די א"י-געסט.

ניו-יאָרק (יט"א) דער בירגער-מייסטער פון תל-אביב ה' דוד בלאָך איז אָנגעקומען קיין ניו-יאָרק כדי זיך צו בעטייליגען אין דער 200 טויזענד דאָלאַר-קאַמפּאַניע פאַר'ן ארבייטענדען ארץ ישראל און איז פייערליך אויפגענומען געוואָרען.

א פאַרשטעהער פון ניו-יאָרקער בירגערמייסטער וואָקער, מיט א ספּעציעלען אויטאָמאָביל האָט אָפּגעוואַרט ה' דוד בלאָך, וועלכער איז געקומען און בעגלייטונג פון ה' ישראל מערעמינסקי, געגענעראַל-סעקרעטאַר פון „הסתדרות העובדים". אַלס עהרען-וואַך איז בעשטימט געוואָרען א ספּעציעלער פּלוטאָן מאָטאָציקל - פּאָליציאַנטען, וועלכער האָט אָפּגעפיהרט די געסט און האָטעל. ביים שיף האָבען אויך אָפּגעוואַרט די געסט א ספּעציעלער עמפּפאַנגס-קאָמיטעט און די פּרעזידענט פון הערמאַן בערנשטיין, אב. קאַהאַן, בנימין שלעזינגער, א. שפּיליאַקאָוו, דוד פּינסקי און אַנדערע אַרבייטער-פיהרער און כלל-טוער.

פאַרנאַכט האָט דער ניו-יאָרקער בירגערמייסטער געשיקט זיין אויטאָמאָביל צו ברענגען די געסט און דער געבייד פון מאַגיסטראַט. און גרויסען אויפנאַהם-זאַל האָבען זיך פערזאַמעלט העכער הונדערט אָנגעזעהענע יודישע כלל-טוער, פאַרשטעהער פון יוד. אַרבייטער-אָרגאַניזאַציעס און פאַרשטעהער פון דער פּרעסע.

דער ניו-יאָרקער בירגערמייסטער האָט בעגריסט די געסט און ביי דער געלעגענהייט אויסגעדריקט זיינע סימפּאַטיעס פאַר דער ניו-יאָרקער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע ער האָט בעצייכענט אַלס דעם בעזונדערסטען טייל פון ניו-יאָרקער איינוואוינער. איך בעגריס איהך, האָט דער בירגערמייסטער געזאָגט — נישט ווי א פרעמדער, נאָר ווי אַנ'איינגעגער, ווייל טראָץ דעם, וואָס איהר זייט דער בירגערמייסטער פון א הונדערט פּראָצענטיגער יודישער שטאָט תל-אביב, און איך פון דער גרעסטער יודישער שטאָט מושער ניו-יאָרק, האָבען מיר דאָ אָבער מעהר יודען, ווי וועלכע עס איז אַנדערע שטאָט און דער וועלט. די היגע יודען, מיט וועלכע איך בין גוט בעקאַנט פערזענליך און געזעלשאַפטליך, האָבען דאָ ענטוויקעלט א רייכע קולטור, מיט וועלכער זיי קענען שטאָלצירען. איך בין זיכער, אַז די ניו-יאָרקער יודען, וועלכע רופען זיך וואַרים אָפּ אויף יעדער נאָבעלער [illegible], וועלען העלפען מאַכען אייער [illegible] אין ניו-יאָרק פאַר אַנ'ערפאָלג.

נאָך דער רעדע פון בירגערמייסטער ה' וואָקער האָט ה' בלאָך געהאַלטען אין העברעאיש, דאַנקענדיג פאַר דעם אויפנאַהמע און פאַר דעם כבוד, וואָס די שטאָט ניו-יאָרק האָט איהם און זיין בעגלייטער צוגעטיילט.

ד' בלאָך האָט גע[ענ]דיגט מיט אַנ'איינלאַדונג פון בירגערמייסטער וואָקער צו בעזוכען תל-אביב.

ה' בלאָך'ס רעדע איז דאָ איבערגעזעצט געוואָרען אויף ענגליש. דעם זעלבען טאָג אָוונט האָט ה' בלאָך געהאַלטען א פּראָפּאַגאַנדא-רעדע אויף יודיש פאַר'ן אַרבייטענדען ארץ ישראל דורך דעם ניו-יאָרקער ראַדיאָ.

די אַרבייטער-דעלעגאַציע וועט זיך אויפהאַלטען אין אַמעריקא איינינגע מאָנאַט און וועט בעזוכען אַלע גרעסערע יודישע צענטערן.

גאולה תתנו לארץ!

(צום אנקומען פון דער דעלעגאַציע פון קרן קימת לישראל קיין לאָדז)

פון ד"ר אריה טאַרטאַקאָווער.

מיט פלאַמענדע אותיות איז אריינגעקריצט געוואָרען די דאָזיגע אָנווייזונג אין פּראָגראַם פון דער טעטיגקייט פון דער ציוניסטישער בעוועגונג פון סאַמע אָנהויב אָן אין אַלע איהרע שאַטירונגען. טויזענדער יאָהרען זיך געוואַלגערט אין דער פרעמד אָהן א אייגען לאַנד און דערפאַר אָהן א אייגען לעבען, טויזענדער יאָהרען געפיהלט דעם ביטערען טעם פון היימלאָזיגקייט, ביז ס'איז געקומען די ערקענטניש, אַז נאָר מיט אייגענער אָנשטרענגונג קאָן מען גובר זיין די קללה פון היימלאָזיגקייט און זיך שאַפען א אייגען לאַנד. לאַנד, באָדען, דאָס איז די גרונדלאַגע פון דער עקזיסטענץ פון א יעדען נאָרמאַלען פאָלק, פאַר אַלע קלאַסען און אַלע גרופּירונגען אָהן א אויסנאַהם. אָהן באָדען קאָן א פאָלק נישט עקזיסטירען, אַזוי ווי ס'קאָן נישט עקזיסטירען א מענש אָהן לופט.

אָבער נאָך איינס האָבען מיר אַלע פערשטאַנען. זיך צוגעקוקט צו דער גרויסער טראַגעדיע פון דער אייראָפּעאישער לאַנדווירטשאַפט, ווי פון איין זייט ווערען בסדר ארויסגעשטויסען נייע מאַסען פון לאַנד-פּראָלעטאַריער פון דאָרף אין שטאָט אריין און פון דער אַנדערער זייט ווערט חרוב די ווירטשאַפט פון גרויס-גרונדבעזיץ צוליב מאַנגעל פון אַרבייטס-הענד, זיך צוגעקוקט צו דער טראַגעדיע פון היינטיגער שטאָט, ווי טויזענדער און הונדערטער טויזענטער דערשטיקען זיך אין וואוין-קאַזאַרמעס אָהן לופט און אָהן ליכט, ווי די באָדען-שפּעקולאַציע האָט זיך פערוואַנדעלט אין א מכה פאַר דער גאַנצער מענשהייט—און ארויסגעצויגען פון דעם די איינציג-מעגליכע מסקנה: ביי אונז טאָר עס נישט זיין אַזוי! קיין פּריוואַט-אייגענטום פון גרונד און באָדען טאָר נישט זיין ביי אונז, לכל הפחות קיין פּריוואַט-אייגענטום פון דעם גרונד און באָדען, וואָס איז געקויפט געוואָרען מיט נאַציאָנאַלע געלדער, מיט גראָשנס געזאַמעלט אין הייליגער פאָלקס-אַרבייט דורך דער גרויסער יודישער מאַסע. אייביגער פאָלקס-אייגענטום זאָל בלייבען די ערד, א קוואַל פון גליק און רייכטום פאַר'ן גאַנצען פאָלק און נישט פאַר די אָדער יענע יחידים, פאַר די אָדער יענע גרופּע.

צי האָבען מיר עפּעס מחדש געווען מיט דעם דאָזיגען גרונדזאַץ? חלילה! נאָר אומגעקעהרט זיך צו דער גרויסער הערליכער טראַדיציע פון אונזער אייגען לעבען אין א"י אין די אַלטע צייטען. קיינמאָל האָט דער יודישער פאָלקס-געניוס נישט אנערקענט קיין פּריוואַט-אייגענטום פון גרונד און באָדען. „כי לי כל הארץ" האָט שוין פּראָקלאַמירט אונזער גאָט פאַר טויזענדער יאָהרען און צו דער דאָזיגער געוואַלטיגער צואה פון דער פאָרגאַנגענהייט האָט זיך אומגעקעהרט די ווידעראויפבוי-בעוועגונג פון יודישען פאָלק.

מען האָט געשמייכעלט ווען מיר האָבען פאַר קנאַפּ 25 יאָהרען געשאַפען דעם נאַציאָנאַלען באָדענקויף-אינסטיטוט, מען האָט נישט געגלויבט, אַז מיט גראָשענס איז אין גאַנצען פון א רחמנא-ליצלן האַלב-סאָציאַליסטישען פּרינציפּ וועט מען קאָנען דערגרייכען עפּעס ממשות'דיגעס. אָבער מען האָט שנעל אָפּגעווייזט פון שמייכלען, דער געוואַלטיגער אָפּקלאַנג, וועלכען דער געדאַנק פון קרן קימת לישראל האָט געפונען פון סאַמע אָנהויב אָן אין די הערצער פון די יודישע מאַסען, די בסדר שטייגענדע הכנסות, די בסדר גרעסערע שטחים פון ערד, וואָס זענען אויסגעלייזט געוואָרען פון פרעמדע הענד אַלס אייגענטום פון יודישען פאָלק, דאָס אַלץ האָט בעוויזען, אַז דאָ האָבען מיר צו טון מיט א גרויסער, מיט א היסטאָרישער אידעע, וואָס מוז זיך דורכזעצען דעם ערשטען פּלאַץ אין יודישען לעבען און מוז ווערען ענטשיידענד פאַר דער יודישער צוקונפט.

היינט איז דער קק"ל שוין איינער פון די גרעסטע ערד-אייגענטימער אין לאַנד. פון יאָהר צו יאָהר שטייגט דער ערד-בעזיץ, פון יאָהר צו יאָהר שטייגט די צאָהל פון יודישע זידלונגען אויף דעם נאַציאָנאַלען באָדען, פון יאָהר צו יאָהר שטייגט די צוגעבונדענקייט פון די מאַסען צו דער דאָזיגער פּאָפּולערסטער נאַציאָנאַלער אינסטיטוציע.

דאָס פּוילישע יודענטום האָט זינט א פּאָר חדשים די זכיה צו זעהן צווישען זיך די שלוחים פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע. עס האָט זיי בעגריסט מיט דעם ענטוזיאַזם און מיט דער ליבשאַפט, ווי עס פּאַסט פאַר די פאַרשטעהער פון דעם גלאַנצפולען אַפּאַראַט פון באָדען-בעפרייאונג. עס האָט זיך מתחייב געווען צו פערדריפאַכען אין דעם יאָהר זיין בייטראָג פאַר קרן קימת. די דאָזיגע התחייבות ווערט איצט ערפילט. אין פיבערהאַפטער איילעניש ווערט בעזוכט איין שטאָט נאָך דער אַנדערער, איין יודישער ישוב נאָך דעם אַנדערען. אין אַלע שטעט און שטעטלעך דרינגט אריין דער גרויסער רוף פון אונזער ערד און וועקט און שטאַרקט די יודישע נשמות.

איצט קומען זיי צו אונז. דאָס יודישע לאָדז וועט זיך נישט לאָזען פאַרשטעלען דורך אַנדערע שטעט און שטעטלעך. עס וועט מקבל-פנים זיין די חשוב'ע געסט פון א"י מיט דער ליבע און דער צוגעבונדענקייט, ווי עס קומט זיי לויט זייערע פּערזענליכע פערדינסטען און לויט זייער הויכער מיסיע. עס וועט הערען דאָס גרויסע ווערט פון נייעם לעבען, וואָס וואַקסט ארויס פון נאַציאָנאַלען ערד אייגענטום און עס וועט געבען דעם געהעריגען ענטפער אויף דעם אַפּעל צו מיטאַרבייט און מיטפעראַנטוואָרטליכקייט.

עס קומען גרויסע טעג פאַר לאָדז, טעג פון גרויסע איבערלעבונגען און פון גרויסער פליכט-ערפילונג. לאָמיר זיך צוגרייטען צו זיי!

* * *

קבלת-פנים ביי דער באַהן.

פייערליכע אַקאַדעמיע אין פילהאַרמאָניע. – קרייז-קאָנפערענץ פון „קרן קימת".

היינט 11 א זייגער פאַרמיטאָג קומען אָן קיין לאָדז די מיטגלידער פון דער ארץ ישראל דעלעגאַציע פון קרן-קימת: דער העברעאישער דיכטער און שריפטשטעלער נתן ביסטריצקי, מיטגליד פון ציוניסטן. אַקציאָנס-קאָמיטעט און פיהרער פון דער א"י-דיגער אַרבייטערשאַפט אברהם הארצפעלד און ה' מ. אזרחי (דער מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע הרב דב קוק, וועלכער שוין איז לאָדז פון פרייטאָג אָן). אויף דעם פאַבריקס-באַהנהויף וועלען די השוב'ע געסט אָפּוואַרטען די מיטגלידער פון דער רייאָנער קרן קימת קאָמיטעט און פאַרשטעהער פון די ציוניסטישע גרופּירונגען און יוגענד-אָרגאַניזאַציעס.

1 א זייגער מיטאָג וועט אין קרן-קימת ביוראָ פאָרקומען א פּרעסע קאָנפערענץ מיט דער בעטייליגונג פון דער א"י-דעלעגאַציע.

און צוזאַמענהאַנג מיט דער ערעפנונג פון דער קרייז-קאָנפערענץ פון קרן-קימת אויף וועלכער עס זענען איינגעלאַדען געוואָרען פאַרשטעהער פון 70 שטעט פון לאָדזער קרייז וועט היינט 4 א זייגער נאָכמיטאָג פאָרקומען א גראַנדיעזע אַקאַדעמיע אין „פילהאַרמאָניע" מיט דער בעטייליגונג פון די מיטגלידער פון דער א"י-דעלעגאַציע. צו דער אַקאַדעמיע זענען איינגעלאַדען געוואָרען פאַרשטעהער פון די פאַרשידענע ציוניסטישע גרופּירונגען, געזעלשאַפטליכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס. די איינטרעטס-קאַרטען צו דעם פייערליכען מיטינג זענען צו בעקומען אין ביוראָ פון קרן קימת (צעגעלניאַנע 4).

היינט 8 א זייגער אָוונט וועט דער מיטגליד פון דער ארץ ישראל דעלעגאַציע הרב דב קוק פון עפולה האַלטען א רעדע אין דער שוהל „באר מרים" (נאָוואָ-זאַרזעטשעווסקא 18).

* * *

נעכטען שבת פריה צום דאַוונען איז הרב קוק איינגעלאַדען געוואָרען אין וואָלינער שוהל, וואו ער האָט געהאַלטען נאָך קריאת התורה, א רעדע וועגען דער בעדייטונג פון קרן קימת אין'ם אויפבוי ווערק פון ארץ ישראל. די רעדע האָט געמאַכט א שטאַרקען רושם אויף דעם גרויסען עולם אין שוהל.

יודישקייט אין דאַנציג

(נאָטיצען פון א רייזע) — ספּעציעל פאַר'ן „לאָדזער טאַגעבלאַט" — פון י. צ. לעווי.

אַנ'אַלטע זאַך שוין: קומסטו אין א פרעמדער שטאָט, וואו ס'וואוינען פריינד, אָדער בעקאַנטע, לייגען זיי דעם חותם אויף דעם רוב פון דעם, וואָס דו בעקומסט צו זעהן און צו הערען אין דער דאָזיגער שטאָט, זיי זענען די, וועלכע בזמיהען זיך דיר צו ווייזען די זעהענסווירדיגקייטען און אַלץ, וואָס דאָס אויג וויל נאַשען און איינקריצען אין זכרון.

בעשערט געווען מיר צו זיין אין דאַנציג אין דער סביבה פון א היימישען חסידישען יוד, און דערפאַר טאַקע בעקומען די געלעגענהייט צו זעהען א ביסעלע יודישקייט, וואָס איז צום טייל געווען אַנ'אַנגענעמע איבעראַשונג. ס'האָט זיך אויף א ווילע בעוויזען א רעפלעקס, א שטיקעלע אָפּקלאַנג פון דעם אַמאָליגען היימישען חסידים-שטיבעל; אָבער ס'האָט נישט מעהר געהאַט דעם כח, צו דערוואַרעמען, צו דערהויבען צו דער מדרגה פון דעם אַלטען התלהבות און חסידישען ברען...

א שטראַהל, וואָס וואַרעמט נישט מעהר!

* * *

שבת פריה אין שטיבעל „תפארת ישראל" אויפ'ן נאָמען טאַקי פונ'ם מחבר פון „תפארת ישראל" וועלכער איז געווען רב אין דאַנציג. דער עולם א געמישטער. דאָס רוב פון קאָנגרעס-פּוילען, פון די שטעטלעך, וואָס געפינען זיך נעבען דער אַמאָליגער רוסיש-דייטשער גרעניץ, א היבשע צאָהל טאַקע אויך פון אונזער לאָדז.

יודען מיט זיידענע קאַפּאָטעס, אָבער דער קאָפּ איז שוין „דייטשיש" — א קאַפּעלוש, במקום דאָס סאַמעטענע היטעלע. פאַראַן אויך יודען, וואָס טראָגען א פּליושען-היטעל, פערוקט אויף א זייט, א זכר פון אַמאָליגען שטריימעל..

פאַר קריאת התורה א קלאַפּ אויפ'ן שולחן, דער גבאי רעדט:

— דער עולם, ווייל נישט בעצאָהלען די נדרים, די קאַסע איז פּוסט, נישטאָ מעהר, פון וואַנען אויסצוהאַלטען יודען-אורחים, וואָס קומען אין א גרויסער צאָהל קיין דאַנציג. דעם לעצטען שבת זענען געבליבען צוויי אורחים אָהן שבת, וואָס איז א חרפה פאַר דאַנציגער יודען. א חוץ דעם — היצט ער זיך בקול רם— ווייל מען אָפּשאַפען צו עסען שלוש סעודות אין שטיבעל, וואָס איז שוין א חוק עטליכע און זעכציג יאָהרען. מ'וויל אונטערגראָבען ס'יודישקייט... א גאַנצע וואָך פרייט זיך דער יוד, אַז ער באַלד שבת, באַלד וועט ער ארויס פון דעם וואָכעדיגען טומעל, פון דער גויאישער סביבה, און דאָ וויל מען פּלוצלינג בעגעהן א אַטענטאַט אויף אָט דער הייליגקייט. און ווער איז שולדיג אין דעם? די מזרח-וואַנט! די שיינע יודען פון אויבען-אָן, וואָס פיהרען רק פּאָליטיק, זענען ביי צוליב קליינע כבודים, א מאַנקרע עליה.. לכן, זאָל מען זעהן עפּעס טון, צו דערהאַלטען ס'שטיבעל מיט'ן שלוש סעודות.

— א חרפה, א בושה — שרייט א יוד פון סאַמע אונטען — פאַר פּוילען. וואָס ווייסט עך, וואָס א פּויליש שטיבעל אינ'ם קלענסטען שטעטעלע אפילו טוט אויף? און דאַנציג זאָל נישט קענען אויסהאַלטען א שטיבעל. יעך גיב א חלה מיט א הערינג א גאַנץ יאָהר! בלי נדר, אַבי מ'זאָל ווייטער עסען שלוש סעודות און הערען שירים ותשבחות. ענטשולדיגט, וואָס איך מוז זיין א הדיוט קופץ בראש...

— מוחל, מוחל, שרייט דער גבאי! נישט קיין חלה מיט הערינג, נאָר גיב בעסער א גילדען צו האַלבען יעדע וואָך.

— שוטים זאָל מען נעמען, שרייען עטליכע יודען מיט אַמאָל!

— חורש-געלד זאָל מען צאָהלען, — היצט זיך א קליין יודעלע, א ליטוואַק'ל. יודען היצען זיך, זענען זיך מתוכח, שמעקען טאַבאַק און זאָגען דעות. ביז דער בעל-תפלה טוט א געשריי „ויהי בנסוע" און פּאַוואָליגקע בערוהיגען זיך די געמיטער.

נעמט איך נישט צום הארצען! דאַנציגער יודען וועלען ב"ה ווייטער עסען שלוש סעודות...

* * *

ביים שטיבעל „תפארת ישראל" עקזיסטירט, זינט א יאָהר, א תלמוד תורה — אגב, דער הויפּט-גרינדער ר' מענדיל, בעראַנט איז א לאָדזער יוד — וואָס ס'לערנען א 80 תלמידים יעדען טאָג פון 12 ביז 5 נאָכמיטאָג. אויך א יוגענד-גרופּע „צעירי תפארת ישראל" איז פאַרהאַן. יונגע בחורים לערנען דאָרט יעדען אָוונט שעור, גמרא מיט תוספות, מאַכען מלוה מלכות, פּראַווען סעודה'לעך און וואַקסען יורען...

* * *

א פערשפּעטיגטער חנוכה-אָוונט פונ'ם צאָפּאָטער „תרבות", אַנ'אָוונט פאַר יודישע קינדערלעך. איז טאַקע געווען א מחיה צו זעהען די קליינע, פּיצעלעך, דאַנציגער יודישע קינדערלעך, וואָס האָבען אנגעשפּילט דעם זאַל אינ'ם „דאַנציגער הויף", זיי האָבען זיך געפרייט און בעגייסטערט מיט די קינדער- און חנוכה-סצענקעס, אונטער דער רעזשי פון ה' און פרוי אָקסענבערג, וואָס זענען געקומען פון ארץ-ישראל. מ'האָט געזונגען און געשפּילט אויף העברעאיש, יודיש און דייטש און אין אַלע דריי שפּראַכען האָבען זיך די קינדער-„שוישפּילער" גוט אויסגעצייכענט און ארויסגערופען צום סוף א בעגייסטערטען שטורם פון אַלע אָנוועזענדע.

דאַנציג, 1. יאַנואַר 1929.

לאדזער כראניק.

פון שטאט-ראט

(ס) דינסטאג און דאנערשטאג דעם 8. און 10. ד. ח. וועלען פארקומען אין זאל פון שטאט-ראט 2 פלענאר-זיצונגען פון דער פינאנץ-קאמיסיע, אויף וועלכע ס'וועט צווישען אנדערען די פראגע וועגען בודזשעט-פראיעקט פאר 1929—30.

נאכט-דיזשורן אין די אפטייקען.

היינט דיזשורירען פאלגענדע אפטייקן: א. מאניעוויטש, פאביאניצער 50; לאזאדוזינסקי, פעטריקאווער 164; סאראלעוויטש, פושעיאזר 19; שעמפיעלינסקי, אנדזשעיא 26; זונ-עלעוויטש, פעטרי-סצוועך 25; פאטפערקעוויטש, נעווראשער 54; מיאלאווסקא, בושעוואנער 56.

העברעאישע אווענט-קורסען ביי דער ציוני. ארגאניזאציע.

צוליב דעם, וואס לעצטענס מעלדען זיך כסדר נייע שילער אויף די העברעאישע אווענט-קורסען, האט דער קולטור-רעסארט ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע בעשלאסען צו עפענען אין די נאהענסטע טעג א נייע גרופע פאר אנפאנגער פון דער העברעאישער שפראך. איינשרייבונגען אין דער גרופע ווערען פון אגענטורען אין ציוניסטישען ביורא.

וול. זשאבאטינסקי'ס רעפעראט אין „פילהארמאניע“

„וואס איך האב געזעהן אין ארץ-ישראל“.—אין וואס בעשטעהט די בעדייטונג פון וועדזשוואוד'ס פלאן וועגען די 7-טע דאמיניא אין ארץ-ישראל.

דאנערשטאג אווענט איז אין „פילהארמאניע“-זאל פארגעקומען א רעפעראט פון וול. זשאבאטינסקי א. ד. ט. „וואס איך האב געזעהן אין ארץ-ישראל“.

נישט קוקענדיג דערויף, וואס די ידיעה וועגען זשאבאטינסקי'ס קומען קיין לאדז איז ערשט בעקאנט געווארען דאנערשטאג, ד. ה. דעמזעלבען טאג, ווען דער רעפעראט איז געהאלטען געווארען, און עס זענען אפילו נישט געווען קיין אפישען, איז דאך דער „פילהארמאניע“-זאל געווען איבערפולט. דאס בעווייזט ווי שטארק פאפולער זשאבאטינסקי איז צווישען יודישען עולם.

זשאבאטינסקי האט אנגעהויבען זיין רעפעראט וועגען דער ענדערונג צום בעסערען, וואס איז איצט צו בעמערקען אין ארץ-ישראל, בעזונדערס אויף'ן עקאנאמישען געביט, אבער באלד איז ער אוועק פון דער איינגענטליכער טעמע און איבערגעגאנגען צום ציוניזם, פערברייטערטע אגענץ און צום פלאן פון וועדזשוואוד'ן מכח פערוואנדלען ארץ-ישראל אין א 7-טער ענגלישער דאמיניא.

אין ארץ-ישראל האט זיך די לאגע פערבעסערט, הויבט אן זשאבאטינסקי זיין רעפעראט. די ארבייטסלאזיגקייט איז בעדייטענד פערקלענערט געווארען און עס זענען פערהאן זיכערע אויסזיכטען, אז זי זאל בכלל ליקווידירט ווערען.

די סיבות, וואס האבען גורם געווען צו דער פערבעסערונג פון עקאנאמישען מצב זענען פערשידענע. עס שפילען דא א ראל אביעקטיווע און אויך סוביעקטיווע מאמענטען. די עליה פון די פוילישע יודען האט געגעבען גוטע רעזולטאטען.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז אין ארץ-ישראל קען זיך אנטוויקלען א אינדוסטריע, און זי קען בעהערשען נישט נאר דעם אינערליכען מארק נאך אויך געפינען אנ'אפזאץ אין די שכנות'דיגע לענדער.

די בערך נאך גאנץ יונגע ארץ-ישראל-אינדוסטריע בעשעפטיגט היינט צו טאג בין זעקס טויזענט יודישע ארבייטער און זי האט שוין בעוויזען ארויסצושטויסען פון אינערליכען מארק א ריי ארטיקלען, וואס פלעגען ביז-איצט אימפארטירט ווערען פון אויסלאנד. אויך די ענטוויקלונג פון די פרדסים, און די עלעקטריפיקאציע — ארבייטען האבען אויך צוגעהאלפען צו בעזייטיגען דעם קריזיס. די עקאנאמישע לאגע האט זיך בעדייטענד פערבעסערט, אבער נישט די פאליטישע. דער קריזיס אין ארץ-ישראל האלט ביים פערשוואונדען, אבער דער קריזיס אין ציוניזם דויערט ווייטער. ווייל כדי ליקווידירען דעם קריזיס אין ארץ ישראל איז נויטווענדיג א נייע מאסען-עליה, א גרויסע קאלאניזאציאנס-ארבייט און דאס קען געשעהן נאר דאן, ווען דער פאליטישער קורס וועט זיך ענדערן. נישט אין געלד ליגט די לעזונג פון ציוניזם, ווי עס מיינען די אנהענגער פון דער פערברייטערטער אגענץ, נאר אין דער פאליטיק, און פועלן ביי ענגלאנד, אז זי זאל בייטען איהר פאליטישען קורס אין ארץ-ישראל.

דער נציב העליון איז א פיינער מענש, ער מאכט א גוטען איינדרוק, אבער מיט איהם, קען געשעהן דאסזעלבע, וואס עס איז געשעהן מיט אנ'אנדערן מענש וואס איז געקומען קיין ארץ-ישראל מיט די בעסטע כוונות און דערנאך איז ער געווארען אונזער'ס א גענער — הערבערט-סעמועל. די ארץ-ישראל-אדמיניסטראציע בעצויגט זיך פיינדליך צום ציוניזם, און דאס איז געוויסערמאסען אונזער שולד. אין דער צייט, ווען מצד די אראבער איז געקומען א דרוק אויף דער אדמיניסטראציע, האבען מיר געשוויגען און נישט געמאכט קיין געגען-דרוק. דאס מוז נאטירליך פערווייזען שטויסען די אדמיניסטראציע אויף דער זייט, וואו דער דרוק ווערט געמאכט.

מיר זענען אליין שולדיג, וואס סעמועל איז געווארען איינער פון די שעדליכסטע מענשען, וואס זענען געווען אין ארץ-ישראל. אויך מיט טשענסעלאר'ן קען געשעהן דאסזעלבע, הגם ער האט גוטע כוונות, אויב מיר וועלען נישט ארויסווייזען קיין פאליטישע אקטיוויטעט. דערביי מוז אונזער פאליטישע ענערגיע אויסגענוצט ווערען הויפטזעכליך אין לאנדאן, ווייל סוף-כל-סוף איז דער נציב-העליון פערגעוועגענט אין זיינע קאמפעטענצען און ער קען בייטען דעם קורס פון דער אדמיניסטראציע נאר אויף'ן בעפעהל פון אויבען.

דער ערשטער בעווייז פאר דער רעאליזירונג פון ציוניזם, פון דעם „יודענשטאאט“ איז די אנערקענונג פון אונזערע פאליטישע פאדערונגען. דער ציוניזם קען רעגענערירט ווערען נאר מיט'ן כח פון יוגענט. נישט געלד און נישט התלהבות קענען א סך אויפטאן, ווען דאס יוגענד העלפט זיי נישט צו, ווען עס ווערט אויסגעטייטשט געגען עיקר-פרינציפען פון ציוניזם.

וואס, למשל, וועלען מיר האבען, ווען מ'וועט שוין ארייננעמען א סך געלד קיין ארץ-ישראל און מ'וועט אנהויבען קויפען בארען. דאס וועט ברענגען צו א שטייגערונג פון די פרייזען און פיהרען צו בארען-שפעקולאציע. דאס איז דאך דאס אייזערנע געזעץ'ן פון דער עקאנאמיק, אז ווען ס'איז א גרויסע נאכפראגע אויף א געוויסען ארטיקעל, שטייגען די פרייזען פון דאזיגען ארטיקעל. נאר ווען די רעגירונג וועט ברעכען איהר ביז-איצטיגע נייטראליטעט, וועלכע איז די גרעסטע מניעה צו א גרויסער קאלאניזאציע, וועט מען קענען שאפען די יודישע מעהרהייט אין ארץ-ישראל.

אבער ווי אזוי וועט מען קענען ווירקען אויף ענגלאנד, אז זי זאל בייטען איהר ביז-איצטיגע פאליטיק?

דא שטעלט זיך זשאבאטינסקי אפ אויספיהרליך אויף קאלאנעל וועדזשוואוד'ס פלאן וועגען דער 7-טער דאמיניא, וועגען וואס וועדזשוואוד האט ארויסגעגעבען א בעזונדער בוך.

כאראקטעריזירענדיג די בעציהונג פון גרויס-בריטאניען צו איהרע 6 דאמיניאס, וועלכע זענען פאלשטענדיג אונאפהענגיגע מלוכות און נאר אנ'אינערליכער פריינדשאפטליכער בונד פעראייניגט זיי, גיט זשאבאטינסקי איבער די הויפט-געדאנקען פון וועדזשוואוד'ס בוך, אין וועלכען ער ווייזט אן, אז די ענגלענדער זענען פעראינטערעסירט דערין, אז אין ארץ-ישראל זאל געשאפען ווערען א זעלבסשטענדיגע יודישע מלוכה, וועלכע זאל געהערען, ווי די איבריגע 6 דאמיניאס צום בריטישען פעלקער-בונד.

דער לייט-מאטיוו פון דאזיגען געדאנק איז, אז היות ווי ביי דעם מיטעלענדישען ים, וועלכער פערבינדט ענגלאנד מיט אויסטראליען און אינדיען, האט זי נישט קיין פונקט אויף וועלכען זי זאל זיך קענען שטיצען, מחכת עגיפטען און אויך די שכנישע אראבישע לענדער וועלען פריהער צי שפעטער זיך בעפרייען אינגאנצען און שאפען א פעראייניגטע גרויסע אראבישע מלוכה, מוז ענגלאנד שוין בעצייטענס זיך פערזארגען מיט א שטיצ-פונקט ביים מיטעלענדישען ים. דא קומט אין בעטראכט ארץ ישראל. אזוי ווי די ענגלענדער אליין זענען נישט בכח צו קאלאניזירען ארץ ישראל, דארפען זיי און ווער אייננעמען אינטערעס צו העלפען צו שאפען די יודישע מעהרהייט אין ארץ ישראל, ד. ה. פירען דארט א קאלאניזאציאנס-פאליטיק, אויב די יודען וועלען ערקלערען, אז נאכדעם ווי זיי וועלען בילדען די מעהרהייט אין ארץ ישראל, וועלען זיי מסכים זיין, אז ארץ ישראל זאל ווערען אנ'ענגלישע דאמיניא.

א דאנק דעם דאזיגען פלאן, וועלט ענגלאנד און אונזער אייגענעם אינטערעס, געמיינזאם בייטען אונזער ביז איצטיגע בעציהונג צו די יודען און צו דער יודישער קאלאניזאציע. דאס וועלט אונז מעהר נישט געשטעלט אין דער אונבעקוועמער לאגע, אז מיר זאלען אין אונזערע פאדערונגען צו ענגלאנד אפעלירען בלויז מיט בעגריפען וועגען יושר, וועגען ערפילען די צוגעזאגטע הבטחות. ענגלאנד און מיר, ווי גלייכע מיט גלייכע וואלטען דאן געהאט פעראינטערעסירט אין דער פערווירקליכונג פון א „יודענשטאאט“.

צום סוף האט זשאבאטינסקי ערקלערט, אז אייגענטליך געהער די איניציאטיווע צו אונז. מיר דארפען אבער פערפלאנצען די ענטוויקלונג פון וועדזשוואוד'ס פלאן וועגען דער 7-טער דאמיניע און זיין גרייט אויף דעם ענטפער, ווען מ'וועט אונז פרעגען, צי מיר זענען דערויף מסכים.

דער אינהאלטסרייכער רעפעראט, וועלכער האט געהאלטען אין גרויס שפאנונג דעם פייערער קעפיגען עולם, האט נאכאמאל בעשטעטיגט די גרויסע אטראקטיווע-קראפט פון זשאבאטינסקי און די בעגייסטערטע אפלאדיסמענטען ביים סוף פון רעפעראט האט ער זיך בשר פערדינט. מיט'ן זינגען פון „התקוה“ און מיט אויסרופען „יחי“ האט זשאבאטינסקי פערלאזט דעם „פילהארמאניע“ זאל.

—0—

אנטי-טובערקולאז

(ל) מארגען 8 אזייגער אווענט קומט אין מאגיסטראט פאר א זיצונג פון קאמיטעט פאר דער אנטי-טובערקולאז-אקציע.

לופט-קאמוניקאט אין לאדז

(:) אין רעזולטאט פון לאנגע אונטערהאנדלונגען איז דעם 27 דעצעמבער 1928 געשאפען געווארען א לופט-געזעלשאפט מיט'ן אנטייל פון דער רעגירונג און די זעלבסטפערוואלטונגען אונטער'ן נאמען „לאט“. דעם 1. יאנואר האט „לאט“ אנגעהויבען זיין טעטיגקייט אויף די פוילישע און אויסלענדישע פליה-ליניעס. מיט לאדז וועט די געזעלשאפט איינשטעלען א נארמאלע לופט-קאמוניקאציע אנהויב פעברואר.

מאגען קראנקהייטען.-
דיס געפיהל פון א פולען מאגען, גרעפצען, ראפס-וועהטאג און שווינדעל [illegible] נע ע-ים. די דאו גע טע [illegible] שטענדיג איז ערן איינגעבען פון קאסקארינע לעפרינס (Cascarine Leprince) איינס אדער 2 פילען אין אבענד בעסער, וואס דארף געגעבען ווערען [illegible] מורא האבען פאר עגטע [illegible] צוריקציהונג [illegible] ראזיג מיטעל. פערקויף אין יעדע אפטייק

„פראקציס“

(ח) ווי עס מעלדעט דאס „פרעסביורא“ (ווער), זאלען די פעפעסי-ארגאניזאציעס פון זגערזש, אלעקסאנדער, אזארקאוו, פאביאניץ, רודא-פאביאניץ און קאנסטאנטינ: זיך האבען אנגעשלאסען אין דער פראפ. פראקציע.

שטאטישע גאלעריע.

(ס) היינט 12 מיטאג קומט פאר עפענונג פון דער אויסשטעלונג פון א רייע פון „שוו. לוקאש“ און פון די ארבייטען פון לאדז. פרל. אבא און וורובלעווסקי פון ווארשא.

מ.ח.ע.י-באל לטובת „האביניבית“

דאס שפיטאל „קאלאנובקא“ מאכט אלע נויטיגע הכנות צו א גרויסען מאסקען-באל, וואס זאל זיין איינע פון שענסטע אימפרעזעס פון היינטיגען סעזאן נאוואל.

—0—

קרעדיט פאר מעכאנישע הע׳ציזל!

(§) די וואיעוואדזטווא האט בעקומען א צירקולאר פון אינערן-מיניסטעריום, וואס בעאויפטראגט מיטצוהעלפען אין דער אקציע פון מעכאניזירען די בעקערייען. די קאאפעראטיווען וועלען האבען א פערלייכטערטער צוטריט צו די קאמונאלע און זעלבסט-פערוואלטונגס-קרעדיטען ביים בויען מעכאנישע בעקערייען.

אנ'אוראל אויף א האנדי־זאג

(:) פרייטאג ביינאכט, בעת דער קאנדוקטאר פון שטאטישע טראמוואי יוזעף בארזשעצקי איז אהיימגעגאנגען פון דער ארבייט, זענען אויף איהם אויף סקלאדאווא גאס אנגעפאלען 3 אומבעקאנטע פארשוינען און איהם דערלאנגט עטליכע מעסער-שטעך. די ארויסגערופענע פאגאטאוויע האט דעם געליטענעם ערטיילט מעדיצינישע הילף און אפגעפיהרט אין שפיטאל. פאליציי פיהרט א אויספארשונג.

מערמי פון די וואהלען צו דער קראנקען-קאסע היינטיגען חודש

(:) ווי בעקאנט האט זיך דעם 31. דעצעמבער געענדיגט די קאדענץ פון דער לאדזער קראנקען-קאסע און מען האט ערווארטעט, אז א ליארע טאג זאלען אויסגעשריבען ווערען נייע וואהלען. אין שייכות דערמיט זענען געלאמען געוועזען אין ווארשא דער פארזיצענדער פון דער קראנקען-קאסע ה' קאלוזשינסקי, דער וויצע-פארזיצער קאזימיערטשאק און דירעקטאר סאמבארסקי, וואס האבען געזאלט אפהאלטען א קאנפערענץ מיט'ן ארבייטס-מיניסטער יורקיעוויטש. צוליב דעם אבער, וואס דער ארבייטס-מיניסטער איז קראנק, האט די דעלעגאציע אויפגענומען דער דירעקטאר פון קרייז-פערזיכערונגס-אמט ה' שוואיק, וועלכער האט דער דעלעגאציע מיטגעטיילט, אז די וואהלען צו דער לאדזער קראנקען-קאסע וועלען זיכער אויסגעשריבען ווערען היינטיגען חודש.

וואס שייך דעם ענדיגען זיך פון דער קאדענץ פון דעם ביז איצטיגען ראט, האט דער דירעקטאר ערקלערט, האט דאס נישט קיין גרויסע בעדייטונג, ווייל לויט'ן געזעץ דארף דער אלטער ראט פונקציאנירען ביז דער נייער ראט ווערט בעשטעטיגט און איבערנעמען דעם דורכ'ן נייעם ראט. אזוי ארום איז קלאר, אז קיין רעגירונגס-קאמיסאר וועט אין דער לאדזער קראנקען-קאסע נישט ארייננעזעצט ווערען.

די גריפע און כרמל-וויין

פרעגט אייער דאקטאר וועט ער אייך זאגען, אז כרמל-וויין איז איינס פון די בעסטע מיטלען געגען דער גריפע.

מערקווירדיגע געשיכטעס מיט חיות, וועלכע האבען ערצויגען מענשליכע קינדער

לייבען האבען אויפגעצויגען צוויי מענשליכע קינדער אין אינדיען.— א שפאנענדע געשיכטע וועגען צוויי וועלף וועלכע האבען געראטעוועט א מענשליך קינד פון א שרפה און עס געהאדעוועט עטליכע יאהר.—באבוין-מאלפעס האבען געפאנגען א יונגעל און איבער איהם געמאכט אנ'אפעראציע, וועלכע ווערט בעוואונדערט פון כירורגען.

פון צייט צו צייט הערט מען דערצעהלען געשיכטעס וועגען חיות, וועלכע ערציהען מענשליכע קינדער: די געשיכטעס קלינגען אזוי פאנטאסטיש, אז ווי ווערען מעהרסטענס אנגענומען ווי בבא-מעשיות. אבער אט קומען געלערנטע, אויף וועלכע מען קאן זיך פערלאזען און גיבען איבער זייערע אייגענע ערפאהרונגען. די דאזיגע געלערנטע דערצעהלען בלויז דאס, וואס זיי האבען אליין געזעהן, אליין אויסגעפארשט אין די געשיכטעס וועגען מענשען, וואס זענען ערצויגען געווארען פון חיות. די בעריכטען, זענען שפאנענדער, ווי די מעשיות פון טויזענד און איין נאכט.

צוויי מענשליכע קינדער, וואס זענען ערצויגען געווארען דורך לייבען

דר. הייראם ק. בריסט איז אנ'ענגלענדער, וועלכער איז ערצויגען געווארען אין קאלקוטא. זיין פאטער איז געווען אנ'אפיציר אין דער ענגלישער ארמעע און ער האט געדינט אין אינדיען. חתונה געהאט האט ער אין ענגלאנד און ווען הייראם איז געבוירען געווארען, איז ער מיט זיין פאמיליע צוריק אוועק קיין אינדיען, וועלכע ער האט מיט'ן גאנצען הארצען ליב געהאט.

הייראם בריסט האט פון קינדהייט אן זיך אינטערעסירט מיט דער פארשונג פון פערשידענע חיות און ער איז געווארען א געלערנטער אויף אט דעם געביט. מיט עטליכע יאהר צוריק האט ער ארגאניזירט אנ'עקספעדיציע, וועלכע האט זיך אוועקגעלאזט אין די ווילדערנישען פון אינדיען, כדי דארט נאהענט צוצוקוקען צום לעבען פון די ווילדע בעשעפענישען. איצט האט די עקספעדיציע בעקאנט געמאכט איניגע וויכטיגע פרטים וועגען איהרע פארשונגען.

די מערקווירדיגסטע געשיכטע, וואס דר. בריסט דערצעהלט, איז די פאלגענדע:

ווען די עקספעדיציע איז געקומען אין דער געגענד, וואו עס האלטען זיך אויף די גאנא-שבטים — די ווילדסטע שבטים אין אינדיען, וועלכע ברענגען נאך מענשליכע קרבנות צו זייער בלוטיגער געטין קאלי, — האט ער פון די ווילדע געהערט דערצעהלען וועגען מענשליכע חיות, וועלכע געהען צוזאמען מיט לייבען אויף רויב.

דר. בריסט האט זיך בעצויגען סקעפטיש צו די דאזיגע מעשיות, ווייניג זיכער, אז דאס זענען כתם געשיכטעס, וועלכע די ווילדע פאנטאזיע האט אויסגעטראכט.

אבער איניגכען האט ער זיך איבערצייגט, אז דאס איז טאקע אמת.

איינמאל האבען די עקספעדיציע-לייט זיך פערלייגט אויף א הויל, וואו עס האבען זיך אויפגעהאלטען לייבען: זיי האבען געוואלט אויספארשען די הויל און זעהן, ווי אזוי לייבען וואוינען.

זיי האבען זיך פערשטעקט צווישען די געדיכטע ביימער און פלאנצען און געווארט, ביז די לייבען וועלען ארויס אויף רויב. עס איז איבעריג צו זאגען, אז די אונטערנעמונג שמעקט מיט דער גרעסטער געפאהר. אבער דר. בריסט און זיינע מענשען זענען שוין געוואוינט צו אזעלכע זאכען.

ווען די לייבען זענען ארויס האט דר. בריסט צוזאמען מיט נאך א מיטגליד פון דער עקספעדיציע, יאנוריס פרי, א הינדוס, זיך א לאז געטאן צו דער הויל. בעת די אנדערע זענען פערבליבען אין דרויסען, האלטענדיג וואך. אין הויל האט דר. בריסט געפונען דריי לייבעלעך, וועלכע זענען איהם אנטקעגענגעגאנגען, לאשטשענדיג זיך צו איהם און זיין בעגלייטער, ווי קעצעלעך. אבער פלוצלינג האבען זיי דערהערט א ברומערע און איידער די עקספעדיציע-לייט האבען זיך ארומגעקוקט, האבען זיך צוויי קערפערס אויף זיי ארויפגעווארפען און נעגעל האבען געדראפעט זייערע פנים'ער און געריסען זייערע קליידער.

אין הויל איז געווען פינסטער און די צוויי געלערנטע האבען נישט געקאנט זעהן, ווער די אנפאלער זענען. זיי זענען אבער זיכער געווען, אז דאס זענען נישט קיין לייבען.

זיי האבען זיך ווי עס איז בעפרייט פון זייערע אנפאלער און צוריק ארויס דרויסען, וואו זיי האבען דערצעהלט די אנדערע מיטגלידער וועגען דער פאסירונג. זיי האבען בעשלאסען נישט אוועקצוגעהן פון דארט, ביז זיי וועלען נישט אויסגעפינען דעם סוד פון דער הייל.

די געלערנטע האבען זיך בעראטען, דערווייל איז שפעט געווארען, און מען האט אין גיכען געקאנט ערווארטען דאס צוריקקומען פון די לייבען, די עלטערן פון די קליינע לייבעלעך. מ'האט געדארפט האנדלען שנעל.

זיי האבען נישט ווייט פון דער הייל געמאכט א פייער. דאס איז געווען אנ'אויפטו פון טאפעלטען ווערט. ערשטענס א שוץ אנטקעגען די גרויסע לייבען, סצמער קומען זיי אן — און חיות האבען מורא פאר פייער; צווייטענס האט דאס פייער געדארפט ארויסנארען אין דרויסען די ברואים, וואס זענען געווען אין הייל. די עקספעדיציע-לייט האבען זיך בעהאלטען צווישען די ביימער און געווארט צו זעהן, וואס עס וועט פאסירען.

באלד זענען ארויס פון הייל די דריי לייבעלעך און דערשראקענע געברומט: נאך זיי זענען ארויס נאך צוויי בעשעפענישען, קריכענדיג אויף אלע פיר.

באלד ווי ד"ר בריסט האט דערזעהן די דאזיגע צוויי בעשעפענישען האט ער אנ'איבראשטער א געשריי געטאן:

— מיין גאט! דאס זענען דאך מענשליכע קינדער.

און דאס זענען ווירקליך געווען מענשליכע קינדער. די געלערנטע זענען צוגעשפרונגען און זיי א לאפ געטון. די קינדער האבען זיך געווערט, געריסען, געביסען, זיך געווארפען און געברומט. מען האט זיי געמוזט בינדען, קאנען זיי גוט בעטראכטען.

דאס זענען געווען א מיידעל און א יונגעלע. דאס מיידעלע האט אויסגעזעהן פון א יאהר צוועלף און דאס יונגעלע פון א יאהר צעהן.

מיט די קינדער האבען די געלערנטע זיך באלד געלאזט אין וועג אריין. אנקומענדיג אין א דארף פון די נאגאס, האבען זיי זיך גענומען דערפרעגען ביי די איינוואוינער, אויב זיי ווייסען נישט וועגען פארפאלענע קינדער. אבער די נאגאס האבען געזאגט, אז אין יענע געגענד זענען, איז עס קיין נייעס נישט, אז חיות יאגען פלוצים בעפאלען א דארף און אוועקטראגען עטליכע קינדער. ווער די דאזיגע צוויי קינדער זענען, האבען זיי נישט געוואוסט.

אין אנ'אנדער דארף האט מען זיי געזאגט, אז איינמאל, דאס האט געמוזט זיין מיט אכט, אדער ניין יאהר פריהער, איז א פויער מיט זיין פרוי און צוויי קינדער געפאהרען אין וואלד. פלוצלונג זענען זיי בעפאלען געווארען פון לייבען. כדי זיך אליין צו ראטעווען, האבען זיי ארויסגעווארפען א קינד: דאן דאס צווייטע — צו די ווילדע חיות. פון דאן האבען זיי פון די קינדער נישט געהערט — און מעגליך, אז דאס זענען די קינדער...

איינס איז פאר דער עקספעדיציע געווען זיכער — אז די קינדער זענען אויפגעצויגען געווארען דורך די חיות. צו ערקלערען דעם מערקווירדיגסטען וואונדער, איז נישט מעגליך, אבער איז דער פאקט.

מיט א צייט שפעטער האבען די געלערנטע געבראכט די צוויי קינדער [illegible] בעגלייטער, וואו מען האט זיי אפגעגעבען צו א פאמיליע צו ערציהען. [illegible] האט מען פון די קינדער געהאט [illegible] סע צרות. זיי האבען אנדערש [illegible] געקאנט געהן, סיידען אויף אלע [illegible] און אויך עסען האבען זיי [illegible] בלויז פון דער ערד. בכלל האבען [illegible] ארויסגעוויזען א שטארקע אומרוה [illegible] א בענקשאפט צום דזשונגעל. און [illegible] חדשים ארום, נאכ'דעם, ווי מען [illegible] זיי ארייננעגעבען צו דער פאמיליע, [illegible] דאס יונגעלע געשטארבען. דאס מיידעלע [illegible] געוואוינט זיך ביסלעכווייז צו [illegible] מענשליכע פינגער און מען האט [illegible] שוין אפילו אויסגעלערנט דעם אלף-[illegible]

וואס א יאפאנישער געלעהרטער דערצעהלט

אין דעם יאפאנישען דארף [illegible] נישט ווייט פון נאגאסאקי, [illegible] דאס וואוינט א וואלד-וועלטער [illegible] וועהאסטו. דער דאזיגער וואלד-[illegible] האט אמאל געבראכט צוויי יונגע [illegible] וועלף און זיי אויפגעצויגען. די [illegible] זענען אויסגעוואקסען, ווי געט[illegible] הינט און געהיט זיין הויז. דאס [illegible] איינמאל געמאכט, אז דער [illegible] וועהאסטו איז פערבראכט [illegible] איינוואוינער זענען מיט שרעק [illegible] לאפען. וועהאסטו איז דעמאלט [illegible] אין וואלד. אזוי ווי זיין פרוי איז א שטיקעל צייט פריהער געשטארבען [illegible] איבערגעלאזענדיג איהם א קינד [illegible] יאהר, האט ער דאס מאל די [illegible] נישט מיטגענומען אין וואלד, נאר [illegible] איבערגעלאזען אין הויז, אכטונג [illegible] געבען אויף'ן קינד.

ווען וועהאסטו איז פארגעלעבט [illegible] מען אין דארף אריין, האט ער [illegible] נען בלויז הויפענס אש. אויך פון [illegible] הויז איז געבליבען [illegible] דער ארימער וואלד-וועלטער האט [illegible]

(ענדע זעה 5 זייט)

פֿערשוואונדען 3 שול-מעדלער אין פּיעטרקאָוו

קלאַנגען וועגען אַ באַנדע פֿרויען-הענדלער, וואָס גראַסירט אין לאָדזער ראַיאָן

פּיעטרקאָוו (טעלעפֿאָניש) פּיעטרקאָוו האָט זיך נאָך נים בערוהיגט פֿון'ם פּאָליטישען מאָרד, וואָס איז אויסגעפֿיהרט געוואָרען מיט עטליכע טעג צוריק און אָט האָט ווידער און שטאָט פּאַסירט אַ פֿאַל, וואָס האָט אויפגערודערט ביז צום טיפֿסטען די גאַנצע הינגע געזעלשאַפֿט. עס זענען נעמליך, פּלוצלינג פֿערשוואונדען געוואָרען דריי יונגע בעל-הבתישע מעדכער, שולערינס פֿון הינגען גימנאַזיום. 3 חברטאָרינס און עלטער פֿון 14 ביז 16 יאָהר, שולערינס פֿון הינגען פֿרויען-גימנאַזיום זענען מיט דריי טעג צוריק ווי געוועהנליך אין דער פֿריה אַוועק אין דער שול און זיך מעהר נישט אומגעקעהרט אהיים. די בעאונרוהיגטע עלטערן האָבען אָנגעפֿרעגט ביי דער שול-מאַכט וועגען קינדער און דאָ האָבען זיי זיך דערוואוסט, אַז די מעדליך זענען דעם טאָג אובערהויפּט אין שול נישט געווען.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ זוכעניש אין פּיעטרקאָוו און ביי בעקאַנטע און קרובים און די אַרומיגע שטעטלעך אָבער ווי האָבען זיך וועגען געהיימניספֿולען פֿערשוואונדען פֿון זייערע טעכטער גאָרנישט געקענט דערוויסען. ערשט דאַן האָבען די עלטערן וועגען פֿאַל געמאָלדען דער פּאָליציי, וואָס פֿיהרט אַ ענערגישע אויספֿאָרשונג. לעת עתה איז מען נאָך אויף זייערע שפּורען נישט געפֿאַלען. די מעדלעך האָבען קיין שום בריף נישט איבערגעלאָזען און מיט קיינעם פֿון זייערע שול-חברטאָרינס וועגען דעם גאָרנישט גערעדט. עס געהען אַרום און שמועס קלאַנגען וועגען אַ באַנדע פֿרויען-הענדלער. מען שמועסט, אַז לעצטענס האָבען זיך אין פּיעטרקאָוו אַרומגעדרעהט אַזעלכע אונבעקאַנטע עלעגאַנטע פֿערשוינען, וואָס פֿלעגען אָפּוואַרטען די אַהיימקומענדיגע שולערינס פֿון גימנאַזיום און מיט זיי פֿערפֿיהרען אַ שמועס. די פּאָליצייאישע אויספֿאָרשונג האָט נאָך ביז איצט די דאָזיגע קלאַנגען נישט בעשטעטיגט. די עלטערן פֿון די פֿערשוואונדענע מעדלעך האָבען בעשטימט אַ גרויסע בעלוינונג פֿאַר דעם, וואָס וועט אָנווייזען, וואו זייערע קינדער געפֿינען זיך. די פּאָליציי האָט פֿונאַנדערגעשיקט טעלעגראַמען וועגען דעם געהיימניספֿולען פֿאַל.

צייגנישען פֿאַר אַן אויסלאַנדס-פּאַס — 10 זל.

(:) ווי מיר דערוויסען זיך, האָט דאָס האַנדעלס-מיניסטעריום ערלעדיגט דעם ענין וועגען אָפּצאָהל פֿאַר צייגנישען, וואָס ווערען גענומען ביים אַרויסנעמען אַ אויסלאַנדס-פּאַס. אַזאַ צייגניש וועט קאָסטען 10 זל. פֿאַר אַ פּאַס מיט דער גילטיגקייט צו פֿאָהרען עטליכע מאָל — 15 זל.

פֿון דער גמילת-חסדים-קאַסע אין אַנדזשעיעוו.

היינט 7 אָוונד (צום צווייטען טערמין) קומט פֿאָר די אַלגעמיינע-פֿערזאַמלונג פֿון דער גמילת-חסדים-קאַסע אין אַנדזשעיעוו אין בית-מדרש פֿון „עדת ישראל". אויף דער פֿערזאַמלונג וועלען רעפֿערירען די ה"ה: חיים כהנא, עוזר האמבורגער א. אנד. ס'וועלען אויך בעריהרט ווערען זעהר וויכטיגע פֿראַגען, וועלכע זענען נוגע די אינטערעסען פֿון דער אַנדזשעיעווער יודישער בעפֿעלקערונג.

ד"ר שוורייג
אינטערן-דאָקטאָר
צוריקגעקעהרט
זאוואַדזקאַ 6, טעל. 35-01

אַנ'אויטאָ אַריינגעפֿאָהרען אין אַ געוועלב

1 פּערזאָן שווער פֿערוואונדעט.

(:) עהרערגעסטען 6 אָוונד איז אויף פּעטריקאָווער גאַס פֿאָרגעקומען אַ אויטאָ-קאַטאַסטראָפֿע מיט מענשליכע קרבנות. בעת דער טראַמוואַי וואָס געהט פֿון רינגשטאַנס-פּלאַץ האָט זיך געפֿונען פֿאַר'ן הויז פּעטריקאָווער 111 איז גראָד פֿאַרבייגעפֿאָהרען אַ אויטאָ. דער שאָפֿער האָט געוואָלט אויסמיידען דעם טראַמוואַי און דאָס נישט בעוויזען צו טאָן. דער אויטאָ האָט זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט'ן טראַמוואַי און איז נישט זעהר שטאַרק בעשעדיגט געוואָרען. אויך דער טראַמוואַי איז נישט בעשעדיגט געוואָרען און דער שאָפֿער זיינער. אַז עס קלייבט זיך צונויף אַ גרויסער המון האָט געוואָלט נור ענטקומען, און דעם מאָמענט האָט אָבער דער לענקער זיך פֿערהאַקט און דער אויטאָ איז אַרויף אויפ'ן טראָטואַר און אַריינגעהאַקט דאָס שוי-פֿענסטער פֿון פּלאַטינאַווסקי'ס גאַלאַנטעריע געשעפֿט. ה' פּלאַטינאַווסקי פֿון וויערזשבאָווע גאַס, וואָס איז געשטאַנען פֿאַר'ן פֿענסטער האָט נישט בעוויזען צו ענטלויפֿען און איז אַרונטערגעפֿאַלען אונטער די רעדער פֿון אויטאָ. עס איז אַרויסגערופֿען געוואָרען פּאַנאַטאַוויע, וואָס האָט דעם פֿערוואונדעטען ערטיילט הילף.

אויפ'ן אָרט איז תיכף אָנגעקומען פּאָליציי און דער שאָפֿער האָט שוין דאָס מאָל נישט בעוויזען צו ענטקומען און מען האָט גענומען אויהם צונויפֿגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל.

אויך אויף האַלעס איז חל דער דירות-דעקרעט.

וויכטיגער פּסק-דין פֿון העכסטען געריכט.

(—) שוין דרייטהאַלבען יאָהר פֿיהרט זיך אַ פּראָצעס צווישען די לאָדזער קאַלע-שטייגערס פֿון קאָשטשעלנאַ 6 מיט די האַלע-בעזיצער לעווקאָוויטש און זאַרזשעווסקי וועגען דירה-געלד.

די טעג איז דער פּראָצעס בעטראַכט געוואָרען פֿיי'ן העכסטען געריכט, וועלכער האָט געפּסק'נט, אַז האַלעס פֿאַלען אַרונטער דעם דירות-דעקרעט.

דער פּסק-דין האָט אַ וויכטיגע בעדייטונג פֿאַר די סוחרים אויך פֿון אַנדערע האַלעס מחמת ביז איצט האָבען די האַלע-בעזיצער גע'טענה'ט, אַז פֿאַר האַלעס קען מען נעמען דירה-געלד, לויט די אָפּמאַכונגען פֿון די בעזיצער.

לעקציעס אין די פֿאָלקס-שולען

הויבען זיך אָן פֿון מאָרגען אַ 8,15 פֿריה און מיטאָג-שולען — 8,30

(מ) צוליב דעם גרויסען געדראַנג אויף די טראַמוואַיען אין די פֿריהמאָרגען שעה'ן האָט דער מאַגיסטראַט געלמען אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפֿערענץ מיט'ן שול-קוראַטאָר ה' הריניעוויעצקי, אויף וועלכער עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז פֿון מאָרגען אָן זאָלען די לעקציעס אין די פֿאָלקס-שולען זיך אָנהויבען 8.15 פֿריה (אָנשטאָט 8 ווי ביז אַהער) און אין די מיטאָג-שולען — 8.30 פֿריה.

דער מאַגיסטראַט צילט אויך צו דערגרייכען אַ פֿערשטענדיגונג מיט די אינדוסטריעלער וועגען אָנהויב פֿון דער אַרבייטס-צייט אין די פֿאַבריקען, כדי אַזוי אַרום צו בעזייטיגען דאָס געדראַנג אויף די טראַמוואַיען.

טערמין פֿון אַ וועקסעל-רעדיסקאָנטאָ זאָל פֿערלענגערט ווערען.

(§) די פֿינאַנץ-קרייזען אין לאָדז אינפֿאָרמירען אונז, אַז עס איז אין דער נאָהענטסטער צייט פֿאָרגעזעהן אַ ענדערונג אין סטאַטוט פֿון „באַנק פּאָלסקי". דער דריי חדשים'דיגער טערמין, וואָס איז פֿעסטגעשטעלט אין סטאַטוט פֿון „באַנק פּאָלסקי" פֿאַר רעדיסקאָנטען פֿון וועקסלען זאָל פֿערלענגערט ווערען אויף 6 חדשים.

—0—

נאַכט-אַרבייט אָפּגעשאַפֿט

פּאָליציי וועט קאָנטראָלירען, צי די פֿעראָרדנונג ווערט אָפּגעהיטען.

(:) דעם 1. יאַנואַר איז אַריין אין קראַפֿט די פֿעראָרדנונג, לויט וועלכער עס ווערט געזעצליך אָפּגעשאַפֿט די נאַכט-אַרבייט אין אַלע פֿאַבריקען פֿון לאָדז און לאָדזער ראַיאָן.

די לאָדזער אינדוסטריעלער ווענדען זיך צום אַרבייטס-אינספּעקטאָר וועגען אַ ערלויבניש צו מעגען ווייטער פֿיהרען די נאַכט-אַרבייט. די אַלע בוימער ווערען נישט גענומען אין אַכט.

דער אַרבייטס-אינספּעקטאָר וועט בקרוב לאָזען דורכפֿיהרען אַ נאַכט-קאָנטראָלע איי די פֿאַבריקען מיט'ן צוועק בעשטעטיגען צי די פֿעראָרדנונג ווערט אָפּגעהיטען. די פּאָליציי וועט גלייכצייטיג מיטהעלפֿען ביים אויספֿיהרען די פֿעראָרדנונג.

* * *

(פּ) און שייכות מיט דער ידיעה וועגען אָפּשאַפֿען די נאַכט-אַרבייט אין די פֿאַבריקען מעלדעט דאָס ביוראָ „בום", אַז אין טייל פֿאַבריקען געהט די נאַכט-אַרבייט נאָך אָן אויפ'ן סמך פֿון ביז אוצטיגע ערלויבנישען.

דאָס אַרבייטס-מיניסטעריום זאָל אַפֿילו אין געוויסע פֿעלען אַרויסגעבען ערלויבנישען אויף ווייטער קאָנטינואירען נאַכט-אַרבייט, וואָס שייך די קאָנטראָלען, וועלען זיי דורכגעפֿיהרט ווערען נאָר אין יענע פֿאַבריקען, וואָס האָבען דעם 1. יאַנואַר ערלויבט דאָס רעכט אויף נאַכט-אַרבייט.

די איינוואוינער פֿון בעדראָהטע הויז

איבערגעפֿיהרט אין אַ שטאַטישע באַראַק.

(מ) און שייכות מיט דער ידיעה, וואָס מיר האָבען געבראַכט איז פֿרייטאָג נומער וועגען דער געפֿאַהר פֿון איינפֿאַלען, וואָס דראָהט דעם הויז אויף בעלימער מאַרק 8, מעלדעט מען אונז פֿון מאַגיסטראַט, אַז די לאָקאַטאָרען פֿון יענעם הויז זענען שוין אָפּגעפֿיהרט געוואָרען אין אַ באַראַק, וואָס דער מאַגיסטראַט האָט איבערגענומען פֿון דער בוי-פֿירמע „קאַטעגע", דער דאָזיגער באַראַק איז צוגעפּאַסט צו די וואוינבעדערפֿענישען און פֿערזיכערט פֿון קעלט. די לאָקאַטאָרען האָבען זיך נים ענטגעגענגעשטעלט די בעטהיליגונג פֿון מאַגיסטראַט זיי איבערצופֿיהרען אין באַראַק און ממילא האָט דער לעצטער זיי נישט איבערגעלאָזען אין דעם בעדראָהטען הויז.

זילבערנע און גאָלדענע פֿאַנטאָפֿעל קען האָבען יעדע פֿרוי לייכט און ביליג אָפּפאַרבענדיג, וועלכע עס זאָל נישט זיין העלע שיך, לעדערנע בראָקאַטענע אדער לייוואַנטענע מיט די אויסגעצייכנעטע פֿאַרב-מיטלען צו לעדער „KOLORYT"

מערקווירדיגע געשיכטעס מיט חיות,

וועלכע האָבען ערצויגען מענשליכע קינדער

(ענדע פֿון זייט 4)

מער געוואוינט, זייענדיג זיכער, אַז זיין קינד און די צוויי וועלף זענען אומגעקומען אין די פֿלאַמען.

עס זענען אַריבער זעקס יאָהר און וועהאַסטו האָט שוין פֿערגעסען אַן זיין אומגליק. ער האָט זיך בעזעצט אין אַנ'אַנדער געגענד, וואו ער האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט און זיין פֿרוי האָט איהם געבוירען צוויי קינדער.

איינמאָל, ווען ער איז געפֿאָהרען מיט זיין פֿרוי אין וואַלד, האָט די פֿרוי פּלוצלונג אַרויסגעלאָזט אַ פֿערצווייפֿעלטען געשריי. אַ סטאַדע וועלף זענען אַנטקעגענגעלאָפֿען זיין וועגעלע.

דער דערשראָקענער וואַלד-וועכטער האָט אָנגעהויבען שיסען, אָבער די וועלף האָבען זיך נישט אָפּגעשטעלט. און אָט זענען זיי שוין אויפ'ן וועגעלע און עטליכע פֿון זיי ליגען שוין אויף איהם און זיין פֿרוי. נאָר... פּלוצים איז עפּעס געשעהן... צוויי וועלף פֿון דער סטאַדע האָבען זיך אַריינגעריסען צווישען די אַנדערע וועלף און בעשיצט דעם וואַלד-וועכטער. די וועלף, ווי זיי וואָלטען פֿערשטאַנען, וואָס זייערע חברים מיינען, זענען אָפּגעטראָטען. לאָזענדיג דעם וועכטער און אויך זיין פֿרוי צורוה. דאַן האָבען די צוויי וועלף, וואָס האָבען איהם געראַטעוועט, אָנגעהויבען איהם צו לאַשטשען — און וועהאַסטו האָט דערקענט זיינע ליבלינגס-וועלף, וועלכע ער האָט ערצויגען...

די שרעק איז פֿערשוואונדען. די פֿרוי האָט געקוקט אויף איהר מאַן, נישט פֿערשטעהענדיג וואָס דאָ קומט פֿאָר. דער וואַלד-וועכטער האָט געקוקט אויף די צוויי וועלף מיט אַ פֿראַגע אין די אויגען — און די צוויי וועלף, ווי זיי וואָלטען פֿערשטאַנען זיין פֿראַגע, זענען אַראָפּגעשפּרונגען פֿון וואָגען, לויפֿענדיג פֿאָראויס. יעדע ווייַלע האָבען זיי זיך אומגעקוקט, ווי זיי וואָלטען זאָגען: „פֿאָהר אונז נאָך!" — און ער איז זיי נאָכגעפֿאָהרען.

די וועלף האָבען איהם געבראַכט צו אַ הייל. וואוהין זיי זענען שנעל אַריינגעלאָפֿען און צוריקגעקומען מיט אַ יונגעלע פֿון אַ יאָהר זיבען.

— מיין קינד! — האָט דער וואַלד-וועכטער אַ געשריי געטון.

יאָ, דאָס איז געווען זיין קינד, וועלכע די צוויי וועלף האָבען געהאַט געראַטעוועט פֿון פֿייער און עס ערצויגען. אָבער דאָס קינד האָט נישט געוואָלט געהן מיט איהם. ערשט, ווען וועהאַסטו האָט מיט זיך אויך גענומען די צוויי וועלף, האָט זיין קינד זיך אונטערגעגעבען און מיטגעגאַנגען...

דער נעגער, וואָס איז אויפגעצויגען געוואָרען פֿון מאַלפּעס

און אָט איז אַ געשיכטע מיט אַ נעגער פֿון דרום-אַפֿריקע, וועלכער איז אויפגעצויגען געוואָרען פֿון מאַלפּעס.

דער נאָמען פֿון דעם קאַפֿער-נעגער, וועלכער איז ערצויגען געוואָרען פֿון מאַלפּעס, איז לוקאַס — אַזוי האָבען די ווייסע איהם אַ נאָמען געגעבען. שוין צוואַנציג יאָהר ווי מען האָט איהם בעפֿרייט פֿון די מאַלפּעס און ערשט לעצטענס האָט ער אָנגעהויבען רעדען — נאָך צוואַנציג יאָהר לערנען איהם — און ער גיט אויבער זיינע איינדרוקען פֿון מאַלפּישען לעבען.

ווען ער איז געווען אַ קליין קינד איז דער דאָרף, וואו זיינע עלטערן האָבען געוואוינט, בעפֿאַלען געוואָרען פֿון אַנ'אַנדער ווילדען שבט וואָס האָט געמאַכט אַ שחיטה אין דאָרף, און די, וואָס זענען לעבען געבליבען, זענען קוים אַנטלאָפֿען.

און דער מהומה איז דער קליינער לוקאַס איבערגעבליבען אַליין. אויף מאָרגען איז אין דאָרף אָנגעקומען אַ מחנה הונגעריגע מאַלפּעס פֿון באַבוין-מין און געפֿינען דעם קליינעם קאַפֿער'ל.

פֿאַרוואָס די מאַלפּעס האָבען איהם מיטגענומען מיט זיך און וואָס פֿאַר אַ געפֿיהל עס האָט זיי געשטויסען איהם צו ערצוהען, וועט פֿערבלייבען אַ סוד אויף אייביג. אָבער דער פֿאַקט איז, אַז זיי האָבען עס געטון.

ווען מען האָט דעם קאַפֿער ענטדעקט ביי די מאַלפּעס איז ער שוין אַלט געווען פֿינף יאָהר. צוויי פּאָליציאַנטען פֿון קייפּטאַון, (דרום-אַפֿריקע) זיינען געווען אין אַ וואַלד. ווען זיי האָבען בעמערקט אַ מחנה באַבוינס, אויף וועלכע זיי האָבען גענומען שיסען. זיי האָבען עטליכע באַבוין-מאַלפּעס געפֿאַנגען און צווישען זיי איז געווען לוקאַס, דער נעגער-יונגעל.

ענדליך, נאָך צוואַנציג יאָהר ערציהונג, האָט מען פֿון איהם עפּעס אַרויסגעקריגען. זיין לשון איז נאָך שטאַרק בעגרענעצט און אויך געדענקט ער זעהר ווייניג: אָבער דאָס ביסעל, וואָס ער געדענקט יאָ, איז אומגעהויער אינטערעסאַנט.

לוקאַס דערצעהלט ווי די ווייב-באָבון — וועלכע האָט איהם „אַדאָפּטירט" — האָט זיך צו איהם בעצויגען, ווי אַנ'אמת'ע מאַמע. זי פֿלעגט פֿאַר איהם אויסזוכען אַ געלעגער פֿון היי און ווייכע פֿלאַנצען, עס זאָל איהם בעקוועם זיין צו שלאָפֿען. זי האָט איהם אויסגעלערנט קלעטערען אויף בוימער, צו עסען ווערים און אינזעקטען און דער עיקר ווי זיך צו היטען פֿון גיפֿטיגע פֿליגען און גיפֿטיגע גראָזען.

אויב ער האָט זיך אַמאָל נישט געפֿיהלט גוט, פֿלעגט זי נישט אָפּטרעטען פֿון זיין געלעגער און געוואַכט איבער איהם, ווי אַ געטרייע מאַמע. אָבער זי פֿלעגט איהם אַמאָל געבען קלעפּ אויך — ווען ער האָט נישט געפֿאָלגט איהר בעפֿעהלען.

וואָס עס איבעראַשט הויפּטזעכליך געלערנטע אין דעם דאָזיגען פֿאַל, איז — די כירורגישע קונסט פֿון די מאַלפּעס.

לוקאַס האָט זיך אַמאָל צובראָכען אַ פֿוס. געהיילט האָט איהם דאָס די ווייב-באָבון, וועלכע האָט איהם ערצויגען. דער פֿוס איז איצט פֿאָלשטענדיג אויסגעהיילט, ווי דער ביין וואָלט צונויפֿגעשטעלט געוואָרען פֿון אַ געניטען דאָקטאָר.

—0—

זיך געפֿונען

אַריגינעלער ראָמאַן פֿון דער נייער יודישער תקופה

פֿון י. ל. ליפשיץ

(פֿאָרטזעצונג).

„כ'וועל משוגע ווערען"! טראַכט ער — „ווי קומען צו מיר אַזעלכע משוגענע מחשבות? נה, גאָט! פֿערבלוט זאָלען ווערען אָט די אַלע רויטע טייוואָלאָנים, וועלכע זענען געקומען וואַרפֿען אַ שאָטען אויף מיין ליכטיגער זון".

„ניין"! שעפּטשעט ער, „דער שטן וועט מיך נישט פֿערפֿיהרען! שוואַרצקאָפּ'ס ריינע נשמה לייכט אַרויס, ווי די ארץ ישראל-זון, און מיין שושנה איז די שכינה אַליין".

ער האָט זיך שטיל אויפגעהויבען, און איז צוגעגאַנגען צו שושנה'ס בעט. גר. האָט געקוקט אויף איהר ליכטיגען תמימות'דיגען פּנים, און ער האָט געגעבען אַ שטילען קוש אויף איהרע שלאָפֿעדיגע ליפּען. אַ שמייכעל, ווי ביי אַ קינד האָט זיך בעוויזען אויף איהר ליכטיגען פּנים און זי האָט געעפֿנעט איהרע שעהנע שטראַלענדע אויגען.

— יהודה! דו שלאָפֿסט נאָך נישט? ווי פֿיהלסטו זיך מיין טייערער? זאָג מיר וואָס איז מיט דיר היינט?

— איך פֿיהל זיך בעסער, טייערע שושנה! נאָר עפּעס מאָדנע געדאַנקען לאָזען מיך נישט איינשלאָפֿען.

— וואָס פֿאַר אַ געדאַנקען רויבען אוועק דעם זיסען שלאָף פֿון מיין בראַווען יהודה? — האָט זי געפֿרעגט, גלעטענדיג זיין קאָפּ.

— אָט זינט די רויטע טייוואָלאָנים זענען אַהער געקומען, שלאָף איך נישט גאַנץ אָפּט, — האָט ער געענטפֿערט.

— אָבער ווען נישט די רויטע, וואָלטען מיר דאָך איצט נישט געהאַט ביי אונז דעם בראַווען שוואַרצקאָפּ'ן. כ'ווייס אַליין נישט די אורזאַך, מיין טייערער יהודה! עפּעס פֿיהל איך צו איהם אַזאַ נאָהענטקייט, פֿונקט ווי צו אונזער בעטקע. מיר דוכט, אַז איך וואָלט תמיד געקוקט אין זיינע אויגען און קושען זיינע ליפּען. כ'האָב היינט אין אָוונט ענטקעגען דער לבנה, זעהר פֿיל אַריינגעקוקט אין זיינע שעהנע ליכטיגע אויגען, און ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך זעה לעאָנען. ניין, נישט לעאָנען, נאָר בעטקען, און זינט ער איז ביי אונז, קומען מיר קיינמאָל נישט אַרויף קיין חוץ לארץ'דיגע געדאַנקען, אַפֿילו מיינע אַרימע עלטערן קומען מיר קיינמאָל נישט אַרויף אויפ'ן זינען.

— יהודה! — האָט איהם שושנה גענומען קושען. — יהודה, מיין ליבער מאַן! האָסטו אַריינגעקוקט אין זיינע אויגען? אָה, ווי גרויס און ליכטיג זיי שיינען. דו ווייסט, יהודה, ער האָט פֿונקט אונזערע אויגען, מיין טאַטענס אויגען. יהודה! מאָרגען גאַנץ פֿריה קוק זיך גוט איין אין זיינע אויגען, און דערנאָך אין מיינע. וועסטו זעהן, אַז זיי זענען פֿונקט, ווי צוויי טראָפּען וואַסער.

זי האָט נאָך אַ סך גערעדט, ביז זי איז איינגעשלאָפֿען מיט אַ גליקליכען קינד'ישען שלאָף.

יהודה האָט געטראַכט, „און אויף אַזאַ אומשולדיגען מלאך, קען איך טראַכטען אַזעלכע נאַרישע נידריגע מחשבות!" און ער איז איינגעשלאָפֿען מיט אַ שטאַרקען זיסען שלאָף.

שוואַרצקאָפּ איז אויך נישט אַזוי גיך איינגעשלאָפֿען. (מיר וועלען איהם רופֿען אויף אַ ווייַלע בעטקע, איך האָף, אַז די לעזער וועלען נישט אַרויסגעבען דעם סוד). „וואו נעמט מען איצט איהר געליבטען לו? ער מיט זיין גרויסער חכמה וואָלט איצט זעהר פֿיל אַרויסגעהאָלפֿען", האָט זי געטראַכט, „און וואָלט נישט געווען אפשר בעסער, צו לאָזען זיך דערקענען פֿאַר יהודה'ן? צוויי כחות קענען אַ סך מעהר אויפטון, ווי איינער". זי טראַכט איבער דעם היינטיגען אָוונט אין דער קבוצה, ווי די חלוצים און חלוצות זענען זיך מוסר נפש פֿאַר דעם אויפבוי פֿון ארץ ישראל, און זי איז זיי מקנא, וואָס זי איז נישט איינע פֿון זיי, און זי בעשליסט אין איהרע געדאַנקען, אַז אַזוי גיך, ווי זי וועט פּטור ווערען פֿון די רויטע מחבלים, וועט זי אוועק אין קבוצה און ווערען איינע פֿון זיי. אָבער אַ צווייטער געדאַנק זאָגט איהר: „ניין"! זי איז מחויב פֿריהער פֿאַר אַלץ זיך מוסר נפש זיין פֿאַר איהרע עלטערן, אויסגעפֿינען, אויב זיי לעבען נאָך. אין אַזעלכע מחשבות האָט זי זיך געדרעהט אויפ'ן בעטלעגער.

זי פֿלעגט תמיד אויפשטעהן פֿריהער פֿאַר אַלעמען. אום קיינער זאָל נישט בעמערקען, אַז „ער" איז גאָר „זי". זי פֿלעגט פֿאַר'ן שלאָף זעהר אָפּהיטען, אַז די טיר זאָל זיין צוגעשלאָסען.

היינטיג מאָל האָט זי זיך פֿערשלאָפֿען. די זונען-שטראַלען האָבען איהר געקיצעלט אין פּנים. זי האָט זיך גיך אָנגעטון. זי האָט געהערט אונטערן פֿענסטער, ווי די קליינע מרים'ל פֿרעגט אַלכּסנדר'ן: „וואו איז שעהנער אָנקל שוואַרצאָפּ"? און אַלכּסנדר לערנט איהר צו זאָגען „שוואַרצקאָפּ", „אַ שוואַרצע קאָפּ", זי טראַכט פֿון מעשה. ווי גליקליך וואָלט זי זיך געפֿיהלט. ווען זי קען אָט די כרובים'לעך צודריקען צו איהר אמת ווייבערישע האַרץ.

שוואַרצקאָפּ איז אַרויס פֿון צימער, האָט געקושט די צוויי מלאכים'לעך. איז אַרומגעלאָפֿען מיט זיי צווישען די בוימער, און האָט געשפּילט מיט זיי אין באַהעלטעניש.

אין הויז האָט ער שוין קיינעם נישט געטראָפֿען. יהודה איז אוועק אין פֿעלד, שושנה האָט בעגאָסען די בלומען. נאָר די אַלטע שולמית, וועלכע איז געווען אין הויז, ווי אַנ'עלטערע שוועסטער, אָדער ווי אַ מאַמע, וואָס פּאַסט-אויף אויף די קינדער.

— גוט מאָרגען, טייערע שולמית! כ'האָב זיך היינט פֿערשלאָפֿען.

— גוט יאָהר, הער שוואַרצקאָפּ! דער שלאָף מאַכט שטאַרק און פֿריש. — און זי האָט איהם צוגעטראָגען אַ גלאָז מילך. — טרינקט, ערשט געבראַכט פֿרישינקע, די בהמות'לעך זענען פֿעט, שעהן. אָט אַזוי האָבען אַמאָל געמוזט אויסזעהן די „פּרות הבשן".

ער האָט אויסגעטרונקען די מילך. בעדאַנקט און איז אוועק אויפזוכען שושנה'ן. ער האָט זי בעמערקט. איז צוגעגאַנגען שטיל און האָט אַרויפגעלעגט זיינע הענד אויף איהרע אויגען.

— בעטקע! — האָט שושנה אויסגעשריען.

— וואָאָס? — איז שוואַרצקאָפּ אַ פֿערציטערטער געוואָרען.

שושנה האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— כ'האָב ערשט געטראַכט פֿון מיין שוועסטער בעטקע. פּלוצלינג האָב איך דערפֿיהלט הענד אויף מיינע אויגען, און איך האָב אַרויסגערעדט „בעטקע". אָבער וואָס שטעהט איהר, ווי אַ דערשראָקענער? טייערער שוואַרצקאָפּ! שרעקט איהר זיך ווירקליך אַזוי פֿאַר דער הויפּטריכטערין פֿון די רויטע?

— כ'ווייס אַליין נישט, פֿאַרוואָס? נאָר ווען איך האָב פּלוצלינג דערהערט איהר נאָמען, בין איך געוואָרען אַ דערשראָקענער.

שושנה האָט אַריינגעקוקט אין זיינע גרויסע, שעהנע שוואַרצע צושראָקענע אויגען, און האָט געזאָגט:

— איהר ווייסט, אייערע אויגען דערמאָהנען מיך מיין טאַטענס אויגען, אָדער נאָך בעסער בעטקע'ס אויגען, אָט, פֿונקט!

— יאָ, טייערע שושנה! ס'טרעפֿט אַמאָל, אַז צוויי מענשען האָבען איין פּנים. אָט נעמט, למשל, איהר און אייער בעטקע.

— אָבער ווי קומען צו אייך אונזערע אויגען? — האָט זי געלאַכט. — אפֿשר זענען מיר פֿון איין משפּחה, ווער קען וויסען. דער גלות האָט אונז צוריסען. — האָט ער געענטפֿערט.

(דאָס ווייטערע קומט)

LUNA

אנהויב פון די פארשט. 4 נאכם, שבת, זונטאג 12, לעצטער סעאנס 10 אווענד, אויף'ן 1-טן סעאנס אלע פלעצער פון 50 גר. און 1 זל.

היינט און טעגליך!

די גרעסטע סימפאניע פון עקראן פון דער גרויסע פון די גרויסע פילם-סטארען

— אין די — הויפט-ראלען:

H. B. Werner און **Luis Wolheim**

„פאטער"

(קאפיטאן סארעל — און זיין זוהן —)

די גרעסטע טראגעדיע פון מענשליכן הארצען, די געשיכטע פון א אומגליקליכן פאטער, וועלכע האט זעהר געליבט זיין זוהן.

פראכטיגע מוזיק-אילוסטראציע אונטער דער אויספיהרונג פון דעם גרויסן סימפאנישן ארקעסטער אונטער דער ליטונג פון ט. רידער.

Grand-Kino

היינט צום לעצטען מאל!!!

„לייכטער ערפאלג"

נאהענטסטער פראגראם פאר הריליינג

Palace

פיעטריקאווער 108

היינט און ווייטערע טעג!!

Sury Vernan, Lil'an Hall-D v's

אין דער מעכטיגער דראמא פון ליבע און אויפאפפערונג — א. נ.

„אין יאר פון דער זינד"

אויסערגעוועהנליכע סצענעס, וואס שפילן זיך אפ בעת'ן אונטערגעהען פון אונטערוואסער-שיפעל S. g. E. אונגעהויערער גרויער פון מוטערס און פרויען צוליב דער ידיעה פון די יסורים פון זייערע קינדער און מענער. ארקעסטער אונטער דער ליטונג פון ה' מ. רידויער.

אויפ'ן ערשטן סעאנס אלע פלעצער צו 50 גר. און 1 זל. אנהויב 4 נאכמ. שבת און זונטאג 12 א זייגער.

CZARY

מאנטאג, דינסטאג, און מיטוואך ספעציעלע

קינדער-פארשטעלונגען

אין בילדער „דער קעניג פון די דזשונגלען"

לויט דער ערצעהלונג פון קיפלינג.

איהייב 9 א זייגער נאכמ. אלע פלעצער צו 50 גראשען.

ZACHETA

קינא טעאטער

נעווראשער 6

ארקעסטער צוגעפאסט צום בילד אונטער דער ליטונג פון ד. עימקיעוויטש.

היינט און ווייטערע טעג — גרויסער דאפעלטער פראגראם!

שעיד פאזול

דראמע, טראגישע איבערלעבונגען פון 2 יונגע הערצער.

אויסערן פראגראם:

היפעק און לאפעק

קאמעדיע אין 7 אקטען

איהויב היינט 12 א זייגער בייטאג. אויפ'ן ערשטן סעאנס זענען די פרייזן פון אלע פלעצער צו 50 גר. — דער נאהענטסטער פראגראם: „דער געלבער פאס"

פערל-וואר'ען

קען מען קויפן אמבילינסטען און אויף די בעקוועמסטע בעדינגונגען נאר ביי דער לאנג-יעהריגער פירמע

ל. ב. פעפער, וואסכאדניא 42

טעלעפ. 78-04

ביזמ.! די קירזשנער-ווערקשטעל אויפ'ן ארט. די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט פינקטליך אין רעצעפ

לאמפען

פיר שפייזן-צימער סאלאן-קאבינעט שלאף-צימער

קויפט זיך אמבעסטען און פאבריקס-לאגער ביי:

Sz. P. Szmalowicz

פאלודניאווא 8, טעל. 64-39

מירען זונגנומען רעפאראטורען צומצוגרעגען, אקסידען

סאיזגעגנבעט געווארן

פון א וואגען 1 קאסטען פון 40 קילא גארן פון ספעציעלען צווירן, וואס האט פאר קיינעם קיין ווערט ניט. אפצוגעבן גינען בעלוינונג

סט. רובינשטיין עט קאמפ.

מאניושקי 3, טעלעפ. 11-84, 30-22

דיסקרעציע געוויסירט

Magistrat m. Łodzi

niniejszem ogłasza, że zgodnie z § 2 rozporządzenia Prezydenta Rzeczypospolitej z dnia 17 czerwca 1924 roku (Dz. Ustaw z dnia 21 VI. 1924 roku Nr. 51) i stosownie do § 53 rozporządzenia Ministra Spr. Wewnętrznych z dnia 28 czerwca 1926 r. (Dz. Ustaw z dnia 29. VII 1926 r. Nr. 75)

Preliminarz Budżetowy

na okres od 1. IV. 1929 r. do 31. III. 1930 r.

wszystkich Wydziałów i Instytucyj Magistratu m. Łodzi wyłożony zostanie do publicznej wiadomości od dnia 7-go stycznia 1929 r. na przeciąg dni siedmiu w sali posiedzeń Magistratu, Pl. Wolności nr. 14, I piętro, gdzie może być przeglądany przez płatników danin komunalnych celem wznoszenia spostrzeżeń i zarzutów.

Łódź, dnia 5 stycznia 1929 roku.

(—) **Dr. E. Wieliński**
Wiceprezydent

Miejski Kinematograf Oświatowy

Wodny Rynek, Tel. 18-26.

Od wtorku 1-go stycznia do poniedziałku dnia 7-go stycznia 1929 r. wł.

PROGRAM NOWOROCZNY

Dramat w 10 aktach

SERCE

(MAŁA ANETA)

w roli głównej: **MARY PICKFORD**

Następny program:

Miasto miljona poległych (verdun)

POPADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאקטוירים ספעציאליסטען

זאוואדזקא 1.

נאר פאר ווענערישע הויט-קראנקהייטען און מענער-שוואכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אוראלאגישע און נערוועזע-קראנקהייטען.

קווארץ לאמפ-עלעקטרישער היל-קאבינעט-מאסמעטיק

טעטיג פון 8 א זייגער ביז 9 אווענד

זונטאג פון 9 ביז 1 נאכמיטאג

בעזונדער 2 רעטע צימער פאר פרויען

וויזיטע 3 זלאטעס

8-kl. Gimnazjum Męskie

z prawami Gimnaz. państwowych

L. SZAKINA

w Łodzi, Piotrkowska 18

עס ווערען אנגענומען איינשרייבונגען פון נייע שילער. די עקזאמענס הויבען זיך אן דעם 8-טן יאנואר 1929. די קאנצעלאריע איז אפען טעגליך פון 10 ביז 1 נאכמ.

HEMOROIDY

HEMORIN KLAWE

א שדכן

וואס פערקויפט אין בעסערע הייזער ווערט פון זאפארט געזוכט. אפערטען אפצוגעבען אין אדמיניסטראציע פון „לאדז. טאג." אונטער „M. B."

א קוואליפיצירטער

אזשוריסט

ווערט געזוכט ווי אויך לערן-יונגלעך אדער מעדלעך אין דער ווערקשטעל ביי ה' ל. שפירא

וואסכאדניא 16. 6147

פאדערט אמעראל — נאר די פאטענירטע



פעלד-בעטען

רויטע פון מיט דער פאבריקס-מארקע

Palma-Patent

מען האלט פיר גארנטירטן אויף 8 יאהר! ...

ניקעל-בעטען, ניקעל-קינדער-בעטען, טיש-בעטען, אמעריקאנער, קינדער-וועגעלעך, קינדער-בעטלעך אויף רעדער.

מאטראצען

מאזעטעס און טאפטשאנעס

עטעלען בעקוועמע ... 17 זל., פאלטענע בעטלעך 14 זל.

... רעפאראטורען. דעמיל.

לאדזש, פוליאנצע 24, טעל. 13-85

מאטארען

פון האלב-פערד-קראפט, 1 פאזאווע צו שפול-מאשינען, קרייץ-מאשינען און אנדערע קלייגע מאשינען עמפעהלט פון לאגער:

Przedsiębiorstwo Elektrotechniczne „OHM" PIOTRKOWSKA 28 — tel. 60-34 —

מאנטירונג און פארלויף פון 2 טעג

אל תתהלל ביום מחר כי לא תדע מה ילד יום.

לייג נישט אפ אויף מארגען

נאר אז דו דארפסט ערלעדיגען סאנדאווע זאכען זאלסטו גלייך קומען צו לויפען אין ביורא

17 פיעטריקאווער 17 52 זאכאדניא 52

ואו ס'ווערט ערלעדיגט און געוויסענהאפט געשריבען לויט'ן אויסגאו אלערליי ביטשעס, קלאגזילעס, זאבעצופיעטש נייעס אויף אלע שטאט אין פוילען, אפעלאציעס, ציווילע און קארנע אפאזיציעס, אדמאלאגיעס, רעקורסען וועגען דירה אין אורזשאנד-ראזיעמשטי, וועגן פעסער אין קאמיסאריאט-רושאנדו און אלע פאליציי בעצירקען, אקטען אינטערציונס, אקטען דא-ראווי נעס, קארנע ספראוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכן. ספעציאליסט און שותפות-אקטען. מיט אכטונג

י. מאנעלא רעכט-קאנסולענט

געלעגענהייטליך צו פערקויפען

א פארטעפיאן אלטער סיסטעם. צו ערפאהרען ל. גאלדבערג קאנסטאנטינער 58 רעכטע אפיצינע 2 טער איינגאנג 2-טער שטאק

פערטרעטער געזוכט

פון סאלידע פירמען פון דער טעקסטיל-, טריקאטאזשען- און וועש-בראנזשע איבערנעהמט אויף ביאליסטאק און ביאליסטאקער וואיעוואדזטווע א גוט-איינגעפיהרט אגענטור-געשעפט.

בעסטע רעפערענצען. אדרעס:

L. Grünberg, Białystok,

ul. Sienkiewicza 86.

אלערליי

בורא-מעבעל

אפייער פעסטע קאסע

געניצטע קויפען מיר פון זאפארט.

„Bezet i S-ka" אפערטען סוב 106

Achtung!

20 Zł. tägl. Verdienst!

Infolge grosser Nachfrage unserer Holzspielwaren werden noch 50—100 Heimarbeiter gesucht. Leichte Beschäftigung zu Hause. Für Damen und Herren jeden Standes, interessant für Jung und Alt. Bewerbungen mit Rückporto an die Holz- und Spielwarenfabrik Anton Zenkner, Katharinberg № 12 Erzgeb. Csl. Rep.

צו פערמיטען

א געוועלב

ביי פאמארסקא גאס צו ערפאהרען קאנסטאנטינער 68 ביי קליינער 75

אבאנעמענטס-פרייז! פאר א חודש אין פוילען 6 זל. אין פרעמדלענדער און פוילן ... ביזן — 20 פרענק, אין אנדערע לענדער — 1,25 דאלאר.

אנאנסען-פרייז! פאר א פעטיט-שורה פערן טעקסט 15 גראשען, פערמעלע 25 גר. אין טעקסט 40 גר., פערמעלע 60 גר., נאכן 12 גר., פריוואטע 10 גר. פאר אויסלענדישע אנאנסען 100% טייערער. אויסער דער שורה — ביז 50% טייערער. פון די פרעמדע ווערט נישט גאראנטירט קיין ראבאט.

Redaktor-wydawca E. Hamburski

Tłocznia: E. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska 18.